בס"ד

שנה ה'
פרשת דברים
נומער 275

# קרית ברסלב בלעטל



## ובאש אתה עתיד לבנותה

טשארטערט קיין אומאן תשפ"ו
היכל הקודש נייעס

מלחמה צווישן טיילאנד און קאמבאדיע
וועלטליכע נייעס

וואס מיינט תשעה באב פאר מיר?
משה אר' שניצלער

דער נגע מבין
אהרן קליטניק

מנהגים פאר ט' באב
בריוו ראש ישיבה שליט"א

היסטאריע ווינקל
חורבן יהדות תימן

קרית ברסלב בלעטל

פרשת דברים תשפ"ה • 275

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלוביבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ




אומאן טשארטער תשפ"ו
4



מלחמה קאמבאדיע טיילאנד
7



היסטאריע פון יהדות תימן
20

4 היכל הקודש נייעס

12 היכל הלכה- תשעה באב

16 מעשה פון א צדיק

53 געשעעניש


צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו,
קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

**זמנים**
דברים ח' אב

הדלקת הנרות . 07:58
מוצאי שבת ..... 09:27

**מנחה מעריב**
**פרשת ואתחנן 9:05**








מסיבת התחלת

# הקאמפיין

מיר ווילן אייך פערזענליך איינלאדענען צום מסיבת
התחלת הקאמפיין וואס וועט בעזהשי"ת פארקומען אין

## בית המדרש הגדול
## היכל דוד

181 האשקי ראוד, קרית ברסלב

**דאנערשטאג פרשת ואתחנן**

**ולמספרם August 7**

סדר המעמד

פתיחת שערים 8:30

וואו האט זיך די סוקסעס אנגעהויבן?

היסטארישע פאנעל 9:00

משא המעמד

ראש ישיבה שליט"א 9:30

**א גאר רייכע מאלצייט וועט סערווירט ווערן**

אינוועסט

אינוועסט ריכטיג!

*sruliHeskel

# היכל הקודש נייעס



## אומאן

### נסיעה טשארטער אויף אומאן ב"ה באשטעטיגט

דער אייגענטומער פון נסיעה טרעוול מו"ה אלי' קנאלל הי"ו ארבעט שוין פון אנפאנג יאר אויף יעדע אופן צו ברענגען די בעסטע טשארטער אפציע פאר אנשי שלומינו, יעדע זאך וואס ער טוט פרעגט ער דעם ראש ישיבה, און לויט זיינע הוראות טוט ער וואס ער קען.

די ערשטע זאך האט ער פרובירט די בעסטע אפציע, ער האט געוואלט מאכן אז די טשארטער זאל ארויספארן פון ניובורג'ס סטווארט עירפארט, וואס איז די באקוועמסטע פאר רוב אנשי שלומינו, און בלויז בערך א שעה פון שטעטל, און האט געזאלט פארן ביז קישינוב מאלדאווע, אבער ער האט נישט געקענט באקומען א קלארע "יא" פונעם עירפארט, זיי האבן געהאלטן אין איין שטופן, הערשט נאך לאנגע חדשים האבן די חברה אין קישינוב געזאגט אז מען קען נישט לאנדן אזא גרויסע פליגער ביי זיי.

למעשה ווען מ'האט זיי אויפגעוויזן אז מ'קען יא לאנדן דארט גרויסע פליגערס, איז נאך עטליכע וואכן געקומען א פרישע תירוץ, אז מען קען טאקע לאנדן, אבער מ'קען נישט פארקן דארט אזא גרויסע פליגער, זייערע פארקינג ערטער זענען קלענער, מ'איז גרייט געווען צו צאלן פאר צוויי פארקינגס, אבער זיי האבן זיך אויך דערפון ארויסגעדרייט מיט כל מיני תירוצים.

ר' אלי האט עס דורכגערעדט מיט'ן ראש ישיבה, און דער ענטפער איז געווען אז מען זאל עס נישט טון, ווייל אפילו מען וואלט ענדליך גע'פועל'ט אז זיי זאלן עס ערלויבן, וואלט עס געקאסט צופיל געלט, און אפילו ר'אלי' וואלט גרייט געווען גרייט צו דערלייגן אויפן געשעפט, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער זאל עס נישט טון, ווייל עס איז נישט קיין קליינע סכומים, דערפאר האט אים דער ראש ישיבה גערעאטן ער זאל צוריק גיין צום אלטן מהלך, פארן קיין פוילן, און פון דארט פארן קיין אומאן מיט באנען און באסעס.

און געלויבט דעם אייבערשטן אז ר' אלי האט ב"ה מסדר געווען א גוטע מהלך פון א נסיעה, די בעסטע וואס עס איז מעגליך געווען, און אזוי אויך די פרייז גייט זיין זייער גוט.

דער פלאן איז אז מען פארט בעז"ה ארויס פון ניו יארק מיטוואך נאכט נאך חצות אום 1:30, קיין פוילן, און מען וועט בעז"ה זיין צוריק אין ניו יארק צום גדלי' אוונט. דאס אלעס וועט זיין פאר בלויז $2,395 און אין דעם איז אלעס אריינגערעכנט, די פליגער, דאס עסן, באן, באס, אויף ביידע וועגן.

צו באשטעלן רופט אריין צו נסיעה טרעוול.

**מי יתן לי אבר כיונה אעופה ציון הקודש אומנה**

# מ׳פּאַרט צ׳עך צום רבי׳ן



## הכל בכל מכל

# $2,395

געציילטע זיצן פאַרבליבן!

| | |
|---|---|
| טשאַרטער פליגער אן די באַן | $1795 |
| טשאַרטער באַן | $650 |

מיטוואך נאכט
Sep. 18 - 1:30am
JFK
טשארטער פליגער

פרייטאג צופרי
Sep. 19
Uman Ukraine
טשארטער באן

איר קענט נאך זיין מיטוואך ביי די ארבעט

צוריק אינדערהיים צום גדלי׳

נאך פילע אפציעס און גרופ טיקעטס זענען אוועילעבל באשטעלט אייערע נסיעה צום רבי׳ן היינט!

**845.444.TRVL**
8785

Nesiahtravel.com/uman

נסיעה
טרעוועל

*sruliHeskel





# מִנְהָגִים פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב

## שאלה

**דִי וָואךְ בְּרֶענְגְן מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס רֶעדְט דֵי מִנְהָגִים פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת דְבָרִים,**
**ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אוּנְזֶערֶע מִנְהָגִים פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ לֵיינֶען מְגִלַּת אֵיכָה בַּיינַאכְט אוּן אוֹיךְ אִינְדֶערְפְרִי - כְּמִנְהָג הַגְּרָ"א.

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ גֶעפִירְט נָאכְמִיטָאג נָאךְ מִנְחָה צוּ לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן מוֹהַרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען פוּן נָאךְ מִנְחָה אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען תִּשְׁעָה בְּאָב גֶעפַאלְט אוּם שַׁבָּת ,אַזוֹי וִוי הֵיי יָאר - קֶען מֶען לֶערְנֶען שַׁבָּת דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

וֶוען תִּשְׁעָה בְּאָב גֶעפַאלְט אוּם שַׁבָּת - אַזוֹי וִוי הֵיי יָאר, מַאכְט מֶען נִישְׁט הַבְדָלָה מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹיף וַויין נָאר מֶען מַאכְט בְּלוֹיז דִי בְּרָכָה "בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ". דִי פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער וָואס פַאסְטְן נִישְׁט תִּשְׁעָה בְּאָב עֶסְן אָן הַבְדָלָה אוּן זֵיי הֶערְן הַבְדָלָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פוּן דִי מֶענֶער (מִשְׁנַת יַעֲקֹב, אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנו).

אַלֶע דַארְפְן פַאסְטְן תִּשְׁעָה בְּאָב - אִינְגְלֶעךְ פוּן דִי דְרַייצְן יָאר אוּן מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי צְוֶועלְף יָאר. אַ פְרוֹי וָואס וַוארְט וְכוּ' אָדֶער זֵייגְט וְכוּ' - זָאל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה צִי זִי דַארְף פַאסְטְן; מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן אִין דֶעם אַ כְּלַל.

וִויבַּאלְד תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז אַ תַּעֲנִית דְרַבָּנָן אוּן עֶס הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן פוּן פַארְנַאכְטְס, דַארְף מֶען נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג נָאר מֶען קֶען שׁוֹין דַאוְונֶען מַעֲרִיב בַּיים זְמַן פוּן דִי גְאוֹנִים אוּן נָאכְדֶעם מַאכְן הַבְדָלָה אוּן אוֹיסְפַאסְטְן

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אַרוּם צוּ דְרֵייעֶן לֵיידִיג אוּן נִישְׁט זִיצְן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת אוּן רֶעדְן דְּבָרִים בְּטֵלִים; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ שְׂחוֹק וְקַלּוּת רֹאשׁ אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וְכוּ', אִין דֶעם אִיז נִכְלָל קוּקְן נַייעֶס אוּן זַיין מְחוּבָּר מִיט סָאשֶׁעל מִידִיעֶ, וְכַדוֹמֶה.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, כְּדֵי נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט.

(עצתו אמונה דברים תשע"ט)



# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער




## מלחמה צווישן טיילאנד און קאמבאידע פלאקערט אויף

אין דרום מזרח אזיע נעבן דעם אינדישן אקעאן, געפונען זיך צוויי לענדער וואס זענען נישט צו שטארק באקאנט ביי אונז, טיילאנד און קאמבאדיע, די צוויי שכנות'דיגע לענדער האבן א לאנגע געמיינזאמע היסטאריע.

במשך אסאך יארן האבן פילע קעניגרייכן און מלוכות געוועלטיגט אויף זיי, און פארשידענע פעלקער האבן געהאט אסאך איינפלוס אויף די קולטור און היסטאריע פון זיי.

אין די ניינצנטן יאר-הונדערט, איז קאמבאדיע אריינגעפאלן אונטער די הערשאפט פון פראנקרייך, ווערנדיג א פראנצויזישע קאלאניע (בערך אזוי ווי אמעריקע איז געווען צו ענגלאנד), אבער טיילאנד (וואס מען האט דאן גערופן סיאם) איז געבליבן א זעלבסטשטענדיגע מלוכה.

היינט זענען זיי ביידע זעלבסטשטענדיג, אבער מיט דעם אלעם זענען כסדר דא מלחמות צווישן זיי.

דער עיקר חילוקי דיעות איז איבער א קליין געגנט וואס אנטהאלט אלטע נארישע עבודה זרה טעמפלען, וואס ביידע ווילן זייער שטארק אנהאלטן, און קענען זיך נעבעך נישט ערלויבן צו מאכן שלום און פארלירן דעם געגנט.

עס זענען כסדר געווען מלחמות און רייבערייען צווישן די צווי צדדים, אבער מיט עטליכע טעג צוריק האט זיך די מלחמה ווידער אויפגעפרישט, און האט צוגעברענגט צו צענדליגע טויטע, הונדערטע פארוואונדעטע, און מער פון הונדערט טויזנט היימלאזע בירגער פון ביידע זייטן פונעם גרעניץ.

מיר קענען אפשר לאכן פון זיי וואס צוליב זייער נארישע עבודה זרה, ווערן אזויפיל מענטשן גע'הרג'עט פארוואונדעט און פארוואגלט, אבער באמת מיינט מען אונז.

עס זענען דא מענטשן וואס זאגן אז מען טאר זיך טאקע נישט קריגן, אבער ווי נישט ווי, די מחלוקת בויעט אויף כלל ישראל, קהלות שטעלן זיך בעסער צו, מען בויט, און מען סערוויווירט, אלעס ווייל עס איז דא קאמפעטישן.

אבער עס איז נישט אמת, חז"ל שרייבן (שמות רבה, ל, יז) "כִּי יְרִיבֻן אֲנָשִׁים... אֵין דָּבָר טוֹב וְאֵין שָׁלוֹם יוֹצֵא מִתּוֹךְ מְרִיבָה." עס קען נישט ארויסקומען קיין שום גוטס פון מחלוקת, דער אייבערשטער האט פיינט מחלוקת ביי אידן.

עס איז טאקע דא אזא זאך ווי "קנאת סופרים" וואס איז א גוטע זאך, מען דארף שטרעבן צו ווערן בעסער, און אויב מען זעט איינער האט מצליח געווען מיט עפעס, מעג מען זען צי מען קען עס אויך טון, און אפילו מאכן בעסער. אבער וואס האט דאס מיט מחלוקת.

מיר שטייען יעצט אין די טעג פון אבלות אויפן חורבן בית המקדש. דער בית המקדש איז נישט חרוב געווארן ווייל רוים האט געהאט א בעסערע מיליטער, און די אידן האבן נישט געהאט קיין גוטע געווער, נאר דער בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב וואס מען האט זיך פיינט געהאט, "שנאת חנם" איז אויך ווען ער געהערט צו אן אנדערע קהילה, און אויך ווען ער פארקט אויף דיין פארקינג, און אפילו ווען ער איז נישט געקומען צו דיין שמחה.

מיר ווילן פארמערן "אהבת חינם" און זען צו קוקן גוט אויף אנדערע אידן, אויף אנדערע קהלות, און מיט דעם ווילן מיר מקרב זיין די גאולה שלמה.

**האמת והשלום אהבו!**



# מעשיות פון תפילה

## אייזיק אפפעל

קרית ברסלב

איין ערב שבת האב איך געדארפט באקומען געלט פון א קאסטומער, ער האט מיר געזאגט אז ער האט עס געשיקט, איך האב פארשטאנען אז ער האט עס געגעבן פאר א געוויסן אינגערמאן.

איך רוף יענעם אינגערמאן אבער ער זאגט מיר אז ער ווייסט נישט דערפון, האב איך געטשעקט אין מיין באנק אפשר האט ער עס מיר דארט אריינגעשיקט, אבער איך זע עס נישט.

איך האב אים גערופן, האט ער מיר געזאגט אז ער האט עס מיר געשיקט דורך א קוויק פעי צו מיין באנק, אבער איך זע עס נישט, וואס גייט דא פאר? למעשה האט ער באמערקט אז די אדרעס איז נישט גוט געווען, ער האט זיך פארמישט מיט איין אות.

אזוי אינצווישן בין איך געלאפן אין מקוה לכבוד שבת, איך האב דארט געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל באקומען די געלט. נאכן מקוה האט ער מיר געזאגט אז ער גייט מיר שיקן נאכאמאל צום ריכטיגן אדרעס, שפעטער האט ער מיר גערופן זאגט אז ער האט געשיקט און ב"ה ער האט אויך צוריק באקומען די געלט פון די באנק.

## כולל אינגערמאן

וויליאמסבורג

איין אינדערפרי קום איך אן אין כולל, נאכן זיין א וואך צייט אין קאנטרי, איך זוך מיין שולחן ערוך אין אלע ווינקלען, אבער ואיננו, איך טרעף עס נישט. איך האב פרובירט אלע סגולות, אבער ס'האט גארנישט געהאלפן.

נאכן פרובירן אלעס האב איך געגעבן א זאג: "הייליגער באשעפער העלף איך זאל עס טרעפן, איך וויל לערנען די הייליגע תורה".

א סקונדע נאכדעם האב איך עס געזען ליגן שיין פאר מיינע אויגן.

שכח הייליגער באשעפער.




## דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל זָאגְט

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר, הֲלָכָה ה׳)

# דָאס דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן אִיז צוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים...

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ חֵלֶק א׳ מִכְתָּב נ׳)

## פרייליכע מעלדונג

מיר האבן אויפגענומען ר׳ יוסי יאקאבאוויטש הי״ו אלס גבאי צוזאמצונעמען און אויסצוטיילן פושקעס פאר אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר, צו באקומען א פושקע אדער צו באשטעלן מ׳זאל אויפפיקן אייערע פושקע רופט קרן הדפסה אויף

718-387-2691 #5

הנהלת קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב

*sruliHeskel

# געדאנקען

## וואס מיינט תשעה באב פאר מיר?

תכלית הענינים, איינער קען מיר זאגן וואס מיינט תשעה באב פאר מיר?

וואס דארף איך טראכטן ווען מען רעדט פון תשעה באב? און וואס דארף איך טון און וואס קען איך טון א טאג נאך תשעה באב אז קומענדיגע יאר די ניינטע טאג אין אב זאל איך שוין זיין א אויסגעלייזטער?

לאמיר זען עטליכע נקודות לעובדא ולמעשה פון א שמועס ביים ראש ישיבה שליט"א תשעה באב תשפ"ג.

**שנאת חנם**

וואס איז די גלות? אז איין איד קען פיינט האבן א צווייטן איד, מען קען נישט ליידן א צווייטן איד.

דאס איז די זאך פון תשעה באב, איך גיי אנהייבן ליב האבן א צווייטן.

און דאס קען מען נישט באקומען נאר דורך רעדן צום אייבערשטן.

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן: "אייבערשטער העלף מיר איך זאל נישט האבן צו טון מיט קיינעם, אייבערשטער העלף מיר איך זאל ליב האבן יעדן איד."

**געדענקען אז אלעס איז מיט חסד**

איר ווילט א סגולה וואס העלפט אויף יעדע זאך? דאנק דעם אייבערשטן!

זאג פארן אייבערשטן: "שכח אייבערשטער פאר מיין לעבן, אייבערשטער ביסט אזוי גוט צו מיר." אז דו וועסט דאס זאגן וועסטו האבן אלעס, דאס איז א סגולה פאר אלעס, פאר א שידוך, אויף פרנסה, אויף א הויז, אויף א קאר, דו וועסט אלעס באקומען אז דו וועסט דאנקען דעם אייבערשטן אויף דו גוטע זאכן וואס דו האסט.

**שם שמים שגור בפיו**

ווי אזוי ווייסט מען ווער איז אן ערליכער חבר? ווער האט יראת שמים? אז ער דערמאנט כסדר דעם אייבערשטן אין זיין רעדן איז א סימן אז דער אייבערשטער איז מיט אים.

א ערליכער איד, ווען מען פרעגט אים וואס מאכסטו? ענטפערט ער 'ברוך השם', דער אייבערשטער איז גוט צו מיר, שכח אייבערשטער אלעס איז גוט. און א מענטש וואס לעבט אן אמונה, ווען מען פרעגט אים וואס מאכסטו? ענטפערט ער, ווער זאגט איך מאך?! וואס טוט זיך? ס'טוט זיך נישט! וואס מאכסטו? גארנישט!

נישט יעדער וואס גייט מיט א ברייטע הוט און א איינגעבויגענע רוקן לעבט מיט'ן אייבערשטן, ס'קען גאר זיין אז ער מוז נעבעך האבן אטענשן בייגט ער זיך אזוי דעם רוקן אז מען זאל אים אנקוקן ווי א חשוב'ער מענטש, אבער זיין מח איז נישט ביים אייבערשטן.

דערפאר איז וויכטיג זיך צו חבר'ן מיט מענטשן וואס רעדן פון דעם אייבערשטן.

**אידישע שטובער ווערן חרוב ווייל מען לאכט פון ערליכע אידן**

עס איז א שרעק וואס גייט פאר וויפל יונגע קינדער פארלירן זייער לעבן ווייל דער טאטע איז א אויבער חכם, ער איז קלוגער פון רבנים, ער קען יא האלטן א נישט גוטע טעלעפאון, און מיט דעם איז דער אויבער-חכם-טאטע עובר אויף ולפני עור לא תתן מכשול, לייג נישט קיין בלוט אין דיין שטוב, באלד וועט דיין קינד נעמען די תועבה-טעלעפאון ווען דו שלאפסט און ער וועט קוקן זאכן וואס וועט נעבעך דעמעדזש'ן זיין יונגע אומשולדיגע מח און ער וועט זיך מוטשען פאר זיבעציג יאר!

נאכדעם קומט דער אויבער-חכם-טאטע מיט די בלוט פארשמירטע הענט און שרייט אז זיינע קינדער דארפן נישט קיין האסט.

איבערלעבענישן,
אנאליזן און
געדאנקען

## משה אריה שניצלער

שידוכים, זיי קענעןווארטן ביז די צוואנציג, דו וועסט א גאנץ לעבן נישט וויסן וואס דיין קינד האט שוין צאמגעקוקט אויף דיין אויבער-חכם-טעלעפאון ווען דו ביסט געשלאפן!

דער טאטע זיצט שבת ביים טיש מיט שטריימל און בעקיטשע און לאכט פון רבנים און ערליכע אידן, ער פארשטייט בעסער ווי די רבנים.

אמאל אז איינער איז אוועק פון די תורה ווען האט ער געטוישט דעם לבוש, היינט האט ער נאך דעם לבוש און איז אינגאנצן אפגעקילט פון יעדן זיק פון יראת שמים, ער איז אינעווייניג אינגאנצן אפגעקילט פון ערליכקייט, מען דערקענט עס נישט פון דרויסן.

געב אכטונג וואס פארא חברים דו האסט, איינער וואס שפעט פון ערליכע אידן, לויף אוועק פון אים.

דאס איז די חורבן נעבעך, אידישע שטובער ווערן חרוב, און קינדער פאלן אוועק פון אידישקייט ווייל מען פאלגט נישט וואס די ערליכע אידן זאגן.

### מרה שחורה איז סכנת נפשות

מענטשן מישן צאם תשעה באב מיט עצבות, תשעה באב טוט מען אלע הלכות וואס שטייט אין שולחן ערוך, דאס האט גארנישט מיט עצבות.

מענטשן מישן צאם תשעה באב מיט עצבות, תשעה באב טוט מען אלע הלכות וואס שטייט אין שולחן ערוך, דאס האט גארנישט מיט עצבות.
עצבות איז סכנת נפשות! מען פריידט זיך מיטן אייבערשטן!

עצבות איז סכנת נפשות! מען פריידט זיך מיטן אייבערשטן! און מען געדענקט כסדר אז דער אייבערשטער האט מיך ליב!

(הערת הכותב, מען קען צולייגן א נקודה, דאס וואס מענטשן ווערן צובראכן ווען עס קומט אריין תשעה באב און משיח איז נאכנישט דא, אדער ווען עס ווערט מוצאי תשעה באב און משיח איז נאכנישט דא, די בית המקדש איז נאכנישט געבויעט, דארף מען וויסן אז אדרבה ואדרבה, די בית המקדש ווערט יא געבויט! די בית המקדש ווערט געבויט פון יעדע קליינע זאך וואס דו טוסט! אדרבה, דו גייסט מיט א קאפל? די בית המקדש בויט זיך יעצט! דו בויעסט די בית המקדש! די קאנסטראקשן פון בית המקדש איז אין פולן קראפט! דו קושסט די מזוזה? די בית המקדש בויט זיך! דו געבסט צדקה? אהא! נאך א שטיק בית המקדש! אוי ווי עס בויט זיך! פיין בויט זיך די בית המקדש!)

### הפצה

וואויל איז דער וואס פארשפרייט גליונות, קונטרסים, חיזוק קארטלעך פון רבי'ן.

אזוי סאך מענטשן מיינען אז דער אייבערשטער איז ברוגז אויף זיי, מענטשן מיינען אז זיי קענען נישט תשובה טון ווייל ער האט נעבעך צאמגעקוקט אזויפיל עבירות השם ישמרינו.

אז דו געבסט אים חיזוק פון רבי'ן וועט ער זען אז דער אייבערשטער איז דא, וועט ער זען אז ווער עס רעדט צום אייבערשטן זעט גרויסע נסים, וועט ער זען אז אויב מען רעדט צום אייבערשטן ווערט מען א גרויסער צדיק.

### ראש השנה ביים רבי'ן

מען דארף אסאך מתפלל זיין צו זיין ביים רבי'ן ראש השנה.

ווער עס קומט צום רבי'ן באקומט דארט אלעס וואס ער דארף.

ווער עס קומט צום רבי'ן ראש השנה באקומט א נייע האפענונג ארויסצוגיין פון די חורבן וואס טוט זיך אפ אין זיין מח. ווער עס קומט צום רבי'ן בויעט זיך א קליינע בית המקדש אין זיין מח, זיין מח ווערט א הייליגע פלאץ, ווער עס קומט צום רבי'ן ראש השנה העלפט אים דער רבי ער זאל לעבן א אויסגעלייזטע לעבן, א לעבן פון רעדן צום אייבערשטן.

(די ארטיקל איז א טיילווייזע אויסצוג פון די שמועס געדרוקט אין ספר אשר היה אל יואל - דברים תשפ"ג)

# היכל הלכה

איבערגעגעבן דורך הגאון
**הר״ר יונה זינגער שליט״א**
דומ״ץ קרית ברסלב

## הלכות שבת חזון

הקדמה: **״שבת חזון״**, אזוי רופט מען די שבת פאר תשעה באב, על שם די הפטורה וואס חז״ל האבן מתקן געווען צי זאגן די שבת פאר ט׳ באב, די דריטע הפטורה פון די שלש פורענותא.[1]

ס׳ווערט געברענגט בשם די הייליגע קדושת לוי,[2] אז א יעדע איד זעהט די שבת, דעם בית המקדש דלעתיד, דאס הייסט, אז מ׳שפירט א מעין, וואס מ׳וועט שפירן, ווען די בית המקדש וועט ווערן צוריק אויפגעבויט, יהי רצון שיבנה במהרה בימינו אמן.

שטייט אין תפארת שלמה (מאמרי שבת חזון ד״ה אז תרצה הארץ את שבתותיה בא״ד) שבת חזון איז די גרעסטע שבת פונעם יאר![3]

מעיקר הדין, שבת חזון גייט אן אביסל דיני אבילות (כגון: כ׳ ברמ״א סי׳ תקנ״א סעי׳ א׳) אז מען טוט נישט אן בגדי שבת - שבת חזון: (וכגון: כ׳ במג״א סי׳ רפ״ב סקי״ד בשם הריב״ש) אז מ׳זאגט די הפטורה מיט די ניגון פון איכה אבער ביי חסידים וואס גייען אויפ׳ן דרך פונעם אור שבעת הימים די הייליגע בעל שם הקדוש זי״ע ותלמידיו הק׳ זי״ע, געבויט אויפן הייליגן ארי״ הק׳, איז מען גארנישט משנה דעם שבת ווי אנדערע שבתים פונעם יאר,[4] און אזוי איז אויך די מנהג לגבי זיך וואשן ערב שבת קודש.[5]

**א)** מען מעג פוצן די שיך.

**ב)** אויב מ׳האט נישט קיין וועש לכבוד שבת, מעג מען וואשן.[6]

**ג)** מען מעג שערן די נעגל לכבוד שבת קודש.[7]

**ד)** ערב שבת ביי טועמיה מעג מען נישט עסן קיין פלייש.[8]

**ה)** פאר קליינע קינדער מעג מען געבן צו עסן פלייש אפילו פאר׳ן זמן שבת.[9]

**ו)** מ׳מעג זיך אנטהון בגדי שבת, אין די צייט וואס מען טוט עס אהן יעדע וואך,[10] אפילו פון חצות מעג מען שוין.[11]

**ז)** מ׳מעג נישט גיין שפאצירן ערב ט׳ באב, אפי׳ שבת:[12] פון חצות און ווייטער.

**ח)** די הייליגע רמ״א פסקנ׳ט, אז ערב ט׳ באב פון חצות מעג מען נאר לערנען אזוינע זאכן וואס מ׳מעג לערנען אין ט׳ באב, אפילו ווען ערב ט׳ באב איז שבת, אבער די וואס לערנען געהעריג האבן זיך אויף וועם צו פארלאזן.[13]

**ט)** מ׳זאגט ״אב הרחמים״.[14]

**י)** מ׳זאגט נישט צדקתך ביי מנחה.[15]

1) כמבואר בשו״ע סי׳ תכ״ח סעי׳ ח, וממג״א סי׳ רפ״ב סקי״ד יוצא דגדול הציבור עולה למפטיר בשבת חזון.

2) עי׳ בדרושי צמח צדק על מגילת איכה, וזלה״ק, ענין שבת חזון שמעתי מאאמ״ר ע״ה שסיפר בשם הרב מ׳בארדיטשוב נבג״מ, עפ״י משל, ס׳איז געווען א טאטע וואס האט געהאט א בן יחיד, און ער האט איהם געמאכט א טייערע קלייד, דער קינד האט זיך נישט אויף געפירט ווי עס דארף צו זיין, האט עס די טאטע צוריסן- דער זוהן איז בעסער געווארן האט ער איהם אויף גענייט נאך איינס,ווייטער האט זיך די קינד בא׳נער׳ישט און זיך נישט אויפגעפירט גוט האט עס די טאטע נאכאמאל צוריסן, וואס האט דער טאטע געטוהן? געמאכט א דריטע קלייד, און ער האט עס איהם נישט געגעבן, און די טאטע האט געזאגט צום קינד, קוק! טאמער די וועסט דיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין איז די קלייד דיינס, וזה ענין שבת ׳חזון׳, חזון איז טייטש קוקן, כביכול די אויבערשטער ווייזט אונז א מעין פון די בית המקדש.

3) וזלה״ק אז בזמן הגלות תרצה הארץ את שבתותיה, הם השבתות המה לרצון לפני הקב״ה בשמחה גדולה, כמו שיסד, מהר״ש אלקב״ץ בפיוטו ״לכה דודי״ רב לך שבת בעמק הבכה, ימי המצרים בין י״ז בתמוז וט׳ באב המה עמק הבכא, ואז רב לך שבת-יום השבת קודש בימי בין המצרים, הוא יותר גדול מכל ימות השנה מפני שבימי החול גדול הצער, לכן בשב״ק מתרבה השמחה למעלה וכו׳ עכ״ד והדעת נותנת דשבת חזון, היות דבימי החול יותר עמק הבכא שבת היא בבחינה יותר גדולה!

4) עי׳ בערוך השולחן סעי׳ י״א וז״ל בא״ד, ולכן נלענ״ד דזה תלוי באופן המלבש. דאצל הקדמונים היתה הלבשת שבת וחול שוין בדמותם ובתמונתם, אולי ההפרש היה בין סחורה יקרה, ובין פשוטה ולא היה ההפרש ניכר כל כך... מה שאין כן זה כמה דורות מקודם ששבת היתה תמונה אחרת לגמרי להבגדים בין עני בין עשיר כמו שבחול היו נושאין כובע של קלאפיין ובשבת קודש, ״שטריימילי״, וכן שארי בגדים היה ניכר לכל שזה בגד חול כמו קיטאיי״...לפיכך הנהיגו הגדולים שלא להנהיג מנהג זה, מפני שההפרש ניכר הרבה והוי כמו אבילות בשבת ע״כ.

5) וכ״כ במשמרת שלום סי׳ מ׳, שאבותינו נהגו לרחוץ בחמין כשאר שבתות השנה, וכן נהגו ההולכים בעקבות הבעש״ט היק זי״ע וכעת נהגו כמעט רוב העולם כן.

6) מג״א סקי״ד, משנ״ב סקל״ב.

7) משנ״ב סי׳ תקנ״א סק״ב וז״ל: קציצת צפרנים יש מחלוקת בין האחרונים, ובשער הציון מרשים, טו״ז אוסר, ומג״א מתיר, אכן לצורך מצוה, וכן לכבוד שב״ק מותר עי״ש.

8) שו״ת התעוררות תשובה סי׳ קס״ט.

9) א״ר סקכ״ד כה״ח סק קנ״ה.

10) קובץ מבית הלוי (בין המצרים עמ׳ מ״ב).

11) לפני חצות לא, כי לאחר חצות לפי״ד המקובלים אחר חצות כבר חלה קדושת שבת - שו״ת רא״ש משביר ח״א יו״ד סי׳ כ״ו.

12) כ׳ הברכי יוסף סק״ה, יש מי שכ׳ דבהא כולי עלמא מודי דאף בשבת לא יטייל עיי״ש

13) עי׳ בבאור הלכה סי׳ תקנ״ג ד״ה ולכן אם חל בשבת אין אומרים פרקי אבות.

14) א״ר סי׳ תקנ״ד סקח״י, שערי תשובה. משנ״ב סק״ל.

15)שו״ע סעי׳ י״ב - רמ״א.

# הלכות ערב תשעה באב שחל בשבת

ערב תשעה באב איז דא א מצוה פון עסן א סעודה המפסקת,[16] און ס'איז דא הלכות ביי די סעודה, ווי למשל מ'טאר נישט עסן צוויי געקעכטס,[17] מ'מעג נישט עסן פלייש, טרינקען וויין, און נאך.

דאס איז אלעס ווען ערב ט' באב געפאלט אין די וואכן, אבער ווען ערב ט' באב געפאלט אזוי ווי היי יאר שבת קודש שטייט אין שו"ע סי' תקנ"ב סעי' י': **אם חל ט' באב בא' בשבת – אוכל בשר, ושותה יין בסועדה המפסקת, ומעלה על שולחנו אפי' כסעודת שלמה בעת מלכותו,** ווען ערב ט' באב איז שבת קען מען עסן פלייש, טרינקען וויין, און מאכן א סעודה אזוי ווי שלמה המלך פלעגט צו מאכן א סעודה בשעת ער איז געווען קעניג!

די משנה ברורה סקכ"ג לייגט צו, בשם די טור, **ואסור למנוע ממנו, אע"ג דאין חיוב לאכול בשר בשבת, מכל מקום כיון שנמנע משום אבל עבירה היא:** ד.ה. אויב מען האלט זיך צוריק פון עפעס עסן צוליב דעם ווייל ס'איז ערב ט' באב איז עס א עבירה, ווייל שבת מעג מען נישט ווייזן קיין אבילות, בפרהסיא.

די רמ"א שרייבט: **מיהו צריך להפסיק מבעוד יום,** מ'דארף אבער ענדיגן עסן ווען ס'איז נאך טאג, משנ"ב סקכ"ד, פאר די שקיעה.[18]

אין אנדערע ווערטער, מ'מעג אלעס עסן ביז'ן שקיעה (ליבערטי זייגער: 8:15) און אזוי אויך פון די שקיעה מעג מען נישט, וואשן די גאנצע האנט, און אזוי אויך שמירן מעג מען נישט, אבער חוץ פון די פיר זאכן עסן. טרינקען. וואשן. שמירן. איז אלעס מותר ביז די זמן צאת הכוכבים, (ליבערטי זייגער: 9:27) מ'מעג זיצן אויף א הויכע בענקל, מ'מעג גיין מיט שיך, פארקערט מ'מעג גארנישט טוהן וואס מ'דארף צו טוהן פאר ט' באב - אין שבת, סיי ווייל מ'מעג נישט ווייזן קיין אבילות אום שב"ק, און אלס אן איסור פון הכנה פאר די וואכן.

**י"א)** ביי שלש סעודת מעג מען זיך צוזאמקומען און זינגען ניגוני שבת, און זאגן תורה, אזוי ווי יעדע וואך.[19]

**י"ב)** ביי די זמן פון מוצאי שב"ק זאגט מען ברוך המבדיל בין קודש לחול,[20] מען טוט אויס די לעדערנע שיך, און מ'זיצט מער נישט אויף קיין הויכע בענקל מער פון דריי טפחים (11.33 אינטשעס) (28.8 ס"מ), און מ'טוט זיך איבער צו וואכן'דיגע קליידער, פארשטייט זיך נישט קיין פרישע, די וואס גייען מיט ווייסע זאכן שבת דארפן זיך צו גרייטן פאר שבת, כדי נישט דארפן אנטוהן פרישע.

**י"ג)** כדי צו קענען זיך טוישן צו וואכן'דיג און אויסטוהן די שיך, איז, ווי מ'איז זיך צאמגעקומען צו זינגען ביי שלש סעודות ענדיגט מען אביסל פאר'ן זמן מוצאי, כדי אז ביים זמן זאל מען זיין אין שטוב און זיך איבער טוהן.

**י"ד)** איינער וואס האלט נאך אינמיטן וועג אהיים און ס'ווערט מוצאי, און ער האט נאך שיך און בגדי שבת, מעג ער ווייטער גיין מיט דעם ביז ער קומט אהן אין שטוב.[21]

**ט"ו)** מוצאי שבת - תשעה באב, מאכט מען נישט קיין הבדלה, נאר פאר מ'טוט א מלאכה זאגט מען ברוך המבדיל בין קודש לחול. אויף בשמים זאגט מען נישט קיין ברכה, אויף הבדלה ליכט זאגט מען פאר מ'לייענט מגילת איכה די ברכה פון בורא מאורי האש, פרויען מאכן אליינס די ברכה אינדערהיים.

**ט"ז)** ביי מעריב זאגט מען אתה חוננתנו, טאמער מ'האט פארגעסן צו זאגן דארף מען נישט איבער דאווענען.

**י"ז)** א חולה וואס דארף עסן ט' באב, מאכט הבדלה איידער ער וויל עסן, ד.ה. טאמער וועט ער ערשט עסן זונטאג מאכט ער הבדלה זונטאג – ס'מעג זיין אויף גרעי"פ דזשו"ס.

**ח"י)** א פרוי וואס דארף עסן ט' באב, איז דא צוויי מהלכים, מ'קען טוהן איינער פון די צוויי, אדער קען די מאן מאכן פאר איר הבדלה און זי זאל עס טרונקן, און די מאן איז אויך יוצא פון דעם, ער דארף נישט איבערזאגן הבדלה מוצאי ט' באב, אדער עסט זי אהן הבדלה, און זי וועט הערן הבדלה מוצאי ט' באב פון איר מאן.

16) כדאיתא בשו"ת הלכות קטנות (ח"ב סי' קל"ה) דאיכא קצת מצוה עפ"י ירושלמי המובא בב"י, דרב מן דהוה אכול כל צרכיה הוה צבע פיסתיה אקיטמא, כלו' היה מטבל פת באפר ואומר זו סועדת תשעה באב, לקיים מה שנאמר ויגרס בחצץ שיני.

17) כדאיתא בשו"ע סי' תקנ"ב סעי' א'.

18) מסיים המשנ"ב: ונכון להודיע זה להמון שלא יטעו שהוא כשאר שבת.

19) אדרבה, אויב מ'וועט נישט אזוי טוהן וועט עס זיין אבילות בפרהסיא – כן איתא בבכור שור מסכת תענית דף ל., ותמה בזה על מג"א סקי"ד שאוסר לאכול ברבים עיי"ש הו"ד במשנ"ב סקכ"ב.

20) כן איתא ברמ"א סי' תקנ"ג סעי' ב'.

21) להבין את ג' סעיפים יב, יג, יד, חל עלינו חובת ביאור, הנה ברמ"א סי' תקנ"ג סעי' ב' איתא: בחול נוהגין לחלוץ מנעלים קודם שיאמר ברכו, ואם הוא שבת חולצים לאחר ברכו, יש הלומדים ברמ"א, דרמ"א דובר, כשמתפללים לפני צאת ממילא אז אסור לעשות שום דבר הנוגע לחול משום איסר הכנה, ולאחר ברכו, אעפ"י שאינו לילה כבר צריכים לנהוג בה' אבילות (עי' שבט הלוי ח"ז סי' ע"ז) כן איתא בשש"כ פכ"ח הל' קפ"ט, אבל הרבה למדו, דזה נאמר אפילו לאותם המתפללים שכבר במוצאי מנוחה, ואעפ"י כן הוי הדין דמותר לילך עם מנעלים עד אחר ברכו, כי הוי כקבלו עליהם דכשחל מוצש"ק בט"ב יהיה כן דיחליף אחר ברכו, כ"כ בשו"ת שלמת חיים – סי' ש"כת וכן כ' בשבט הלוי ח"ז סי' ע"ז וכן איתא בעמק התשובה ח"א סי' צ.

# הלכות תשעה באב

**כ) עס איז אסור צו עסן, טרינקן, וואשן, שמירן, אנטון לעדערנע שיך, גריסן, ארבעטן, תשה״מ, און לערנען.**

**כ״א)** נשים מעוברות ומינקות יעשו שאלת חכם אם הם צריכים להתענות, ביי קליינע קינדער פירט מען זיך אז ביינאכט עסט מען נישט.

**כ״ב)** אפילו א חולה (או כגון הנמני באות כ״א) זאל מען נישט עסן קיין נאש וכדומה (מחב׳ סעי׳ ה׳).

**זיצן אויף א בענקל: כ״ג)** ביז דריי טפחים איז מותר, פון חצות היום איז מותר צו זיצן הויעך (מחב׳ רמ״א סי׳ תקנ״ט ג׳).

**כ״ד)** מעוברות, אדער זקנים, שוואכע וכדומה קענען מקיל זיין צו זיצן אויף א נארמאלע בענקל (עי׳ בערוך השולחן ה׳ אבילות יו״ד סי׳ שפ״ז ס״ג), ווען מען פארט אין א קאר מעג מען זיצן געהעריג (אהלך באמיתך פל״ו אות כ״ג).

**זיך וואשן: כ״ה)** עס איז אסור זיך צו וואשן סיי קאלט און סייווארעם, אפילו ארייינלייגן א פינגער אין וואסער טאר מען נישט, (לשון המחב׳ תקנ״ד סעי׳ ז׳, עפ״י מג״א סעי׳ תקנ״א סקל״ח) קליינע קינדער שהגיעו לחינוך, איז אויך אסור זיך צו וואשן.

**כ״ו)** ווען מען וואשט זיך צופרי נעגל וואסער, אדער נאכן גיין אין בית הכסא, אדער מען האט צוגערירט די שיך, אדער די מקומות המכוסים, אדער פאר׳ן דאווענען, וואשט מען זיך ביז סוף פון די פיר פינגער׳ס (שו״ע סעי׳ י׳ - רמ״א סעי׳ ט׳).

**כ״ז)** טבילה איז אסור.[21]*

**כ״ח)** אינדערפרי נאך נעגל וואסער ווען די הענט איז נאך פייכט מעג מען אפווישן די אויגן, (מחב׳ סעי׳ י״א) און אויך די פנים (מ״ב סקכ״ב) איינער וואס קען נישט פארנעמען אן אפוואשן די פנים מעג ער מיט מער וואסער (שם).

**כ״ט)** איינער וואס איז געווארן שמוציג מעג ער עס אפוואשן וויפיל עס פעלט אויס אראפצונעמען די שמוץ, (מחב׳ סעי׳ ט׳) אזוי אויך א קינד וואס האט זיך פארשמירט, און אויך מיט ווארעם וואסער אויב עס פעלט אויס.[22]

**ל)** איינער וואס ער האט גרויס צער טאמער ער שווענקט נישט אויס זיין מויל אינדערפרי, קען מען מקיל זיין פאר אים אויסצושווענקען די מול מיט אן אראפגעבויגענע קאפ (מ״ב סעי׳ תקס״ז סקי״א).

**זיך שמירן: ל״א)** מען מעג זיך נישט שמירן אום תשעה באב, (מחב׳ סי׳ ט״ו) אבער לצורך רפואה מעג מען,[23] אפילו מיחוש בעלמא מותר[24] איינער וואס שוויצט מעג לייגן דיאודערענט. צוליב דעם איז אסור פאר א פרוי צו לייגן מעיקאפ, ליפ סטיק, אום תשעה באב.

**ל״ב)** פשוט׳ע צירונג וואס מען טראגט טאג טעגליך איז מותר צו גיין (לקט יושר יו״ד עמ׳ צ״ב).

**אנטון שיך: ל״ג)** עס איז אסור צו אנטון לעדערנע שיך, סיי מענער און סיי פרויען.

**ל״ד)** די פוסקים זאגן אז קליינע קינדער זאל מען אויך מחנך זיין מיט דעם (שבט הלוי ח״ז סו״ס ר״ח).

**ל״ה)** תשה״מ אסור.[25]

**זיך גריסן: ל״ו)** שאלת שלום איז אסור (מחב׳ סי׳ כ׳) און אזוי אויך גריסן א גוטע נאכט און א גוט מארגן איז אסור.

**ל״ז)** הדיוטות וואס ווייסן נישט דעם דין, און זיי גריסן ענטפערט מען זיי מיט א שוואכע קול (שם).

21)* ולענין טבילת ב״ק דני הפוסקים, עי׳ דע״ת בשם הראשונים, דס״ל דמי שרגיל לטבול בכל יום תדיר יש להקל ג״כ ביוה״כ בצינעא, כן בכי׳ זהור חי, ובספרו מעשה אורג עמ״ס ברכות פ״ג מ״ד שמחיוב לטבול, דלא גרע ממי שהולך להקביל פני רבו, ומי שרגליו כהות שרוחץ אותה כיון שאינו לשם תענוג, וכ״ש זה שכל גופו רותת וחושד לו עיי״ש, עי׳ באורחות חיים (ספינקא) ח״ב בסי׳ פ״ח.

22) בכף החיים סקמ״ו, מיהו מסתמיות הפוסקים משמע דאין חילוק [דהויני בין חמין לצונן עיי״ש לגבי המג״א] כיון דאינו מכיון לרחיצת ידיו, כ״א לרחוץ אותו דבר, [דהוא דיבר לגבי רחיצת בשר עיי״ש] ומ״מ נראה דאם אותו דבר אי״צ לרוחצו בחמין יש ליזהר לרחצי בצונן.

23) כן נראה ד׳ המחב׳ שכ׳ סיכה אינה אסירה אלא לתעניג.

24) דאינו דומה להל׳ שבת, פשוט.וכן כ׳ המחב׳ סעי׳ י״ד עיי״ש.

25) עי׳ מחב׳ סי׳ תקנ״ד סעי׳ ח״י דאסור לישן במטה אחת משום לך לך אמרינן לנזירא, ועי׳ מ״ב סקל״ז דאסור ליגע באשתו היא נדה, ואפשר דה״ה לגבי ט״ב. ואני בעניי רגיל לומר בשם בעל באר משה מדעברעצין ז״ל, וזה אינו חומרא זה קולא כדי שלא יבא לעבור על איסור של ביאה, ודו״ק.

# הלכות תשעה באב (המשך)

**ל״ח)** מען געבט נישט קיין מתנות תשעה באב (מ״ב סקמ״א בשם המג״א).

**ארבעטן:** א איד מעג נישט ארבעטן תשעה באב ביז חצות,[26] דורך א גוי אויב עס איז נישט אזא גרויסע זאך ווי בויען א בנין (אוושא מילתא) מעג מען (מ״ב סקמ״ו).

**ל״ט)** קלייניקייטן ווי למשל אנצינדען א פייער, מאכן א קניפ וכדומה איז מותר דורך א איד (רמ״א סעי׳ כ״ב).

**מ)** זיך קובע זיין אויף אן ארבעט אפילו נאך חצות איז נישט אויסגעהאלטן, (מג״א סקכ״ז) און מען זעט נישט קיין סימן ברכה אין די געלט (מחב׳ סעי׳ כ״ד - כפי׳ מג״א הנ״ל).

**מ״א)** נאך חצות איז מותר צו קאכן און באקן, און טון אלע צרכי סעודה (מחב׳ תקנ״ט סעי׳ י׳).

**לערנען תורה: מ״ב)** די הייליגע חכמים ז״ל האבן גע׳אסר׳ט צו לערנען תשעה באב, ווייל די תורה מאכט פרייליך! זאכן פונעם חורבן כגון מדרש איכה איז מותר, (מחב׳ תקנ״ד סעי׳ א׳) ספרי מוסר און ספרי יראת שמים מעג מען לערנען.

**מ״ג)** זאכן וואס זענען פון סדר היום אזוי ווי קרבנות, איזהו מקומן, רבי ישמעאל, מעג מען זאגן (מחב׳ סעי׳ ד׳) .

**מ״ד)** ללמוד מעמדות וחק לישראל, וח״י פרקים משניות, מי שמקפיד בכל יום חק ולא יעבור, ויצטער אם לא ילמד, יש מי שמתיר, וכן המנהג אצלינו בהיכל הקודש.[27]

**הלכות פארן בית המדרש: מ״ה)** מען נעמט אראפ די פרוכת פונעם ארון קודש, (רמ״א סעי׳ תקנ״ט סי׳ ב׳)[28] מען לייגט עס צוריק ביי מנחה.

**מ״ו)** מען צינדט נישט אן אלע לעקטער, נאר כדי מען זאל קענען זאגן איכה און קינות (מחב׳ סעי׳ ג׳).[29]

**מ״ז)** מ׳דאווענט דרך בני אבלים, וכן באמירת איכה, ביי יעדע קאפיטל איכה זאגט מען אלס אביסל העכער, און ביים לעצטן פסוק ׳השיבנו׳ זאגן אלע מיט, און ערשט דערנאך דער חזן (כ״ז ברמ״א תקנ״ט סעי׳ א׳).

**מ״ח)** נאך מעריב זאגט מען קדיש תתקבל (באר היטב סק״א) און נאך איכה זאגט מען נישט קדיש תתקבל (עי׳ כ״ז שם).

**מ״ט)** צופרי איז מען מאריך מיט זאגן קינות ביז ארום חצות (רמ״א סי׳ ג׳).

**כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, ויה״ר שיבנה בית המקדש במהרה בימינו וכבר נזכה לשמוע תשובה על השאלה הגדולה איזהו מקומן של זבחים!**

26) כעי׳ בשו״ע סי׳ ב׳ דתלי במנהג, אבל כמ״ב סקמ״ה כ׳ דבמדינתינו הוי כן המנהג.

27) כ״כ בספר פרח מטה אהרן, בקונטי׳ הג׳ לשו״ע סי׳ תקנ״ד לדמות לט״ז סי׳ תקנ״ד סק״ג שכ׳ דת״ב שחל ביום ה׳ דרשאי לעבור הסדרה בת״ב, כיוון שבע״ש טרודין בצרכי שבת, הובא בבה״ט סק״ה וא״ר סק״ו, דה״ל כסדר היום, וא״כ ה״ה בזה שמבואר באריז״ל ללמוד סדר הזה, ומשא״כ בכף החיים סי קל״ב סק״ד הה״ד לעניו זה עי״ש. וכ״כ בהקדמות ספה״ק באר מנחם עה״ת, שהרה״ק מ׳קאלוב זי״ע לעת ערב לבש הטלית ותפילין, והשלים כל השיעורים שנהג ללמוד בשאר ימים בבוקר, וכ״כ בגשה״ח פב״א אות ה׳ סק״ג דמי שמקפיד ללמוד בכל יום חק ולא יעבור ויש לו צער אם לא ילמוד מותר ללמוד בימי אבלו סדרי חק לישראל. ומוהרא״ש זי״ע היה אומר כן להבחורים דהשיעורים הקבועים אשר המה בכל יום מותר ללמוד אחר מנחה.

28) עי״ש ברמ״א ע״ש הפסוק (איכה ב׳ י״ז) ביצע אומרתו, ודרשו חז״ל שכביכול קרע לבישו בזמן החורבן מש״ה מסורים הלבוש של הארון קודש, ובכף החיים כ׳ דבמנחה חוזרין את הפרוכת, ודכמו שלובשין הטלית במנחה, וזה שאין לובשין הטלית בבוקר הו׳ ג״כ הטעם, משום ביצע אמירתו.

29 ) טעם עי׳ בב״י כדאיתא במדרש טעמא שאמר הקב״ה למלאכי השרת בשעת החורבן, מלך בשר ודם כשהוא אבל מהו עושה? א״ל מכבה את הפנסים שלו, אף אני עושה כן, שמש וירח קדרו (יואל ב׳ י. ד׳ ט״ו) לבוש כ׳ עוד טעם עי״ש.



# א מעשה פון א צדיק

## דֶער נֶגַע מֵבִין

דֶער הֵיילִיגֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אוּנְז: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן וָואס הָאט זִיךְ זֵייעֶר גוּט אויסגֶעקֶענְט אִין נְגָעִים, וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט אַ פְלֶעק אַ אויסְשְׁלַאג אויפְן קֶערְפֶּער, הָאט דֶער כֹּהֵן אַ קוּק גֶעטוּן אויפְן וואוּנְד און גְלַייךְ גֶעקֶענְט זָאגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ נֶגַע צוּ נִישְׁט.

אִין אַ טָאג בַּאמֶערְקְט עֶר אַז זַיין מְקוֹר פַּרְנָסָה וֶוערְט וֵוייניגֶער און וֵוייניגֶער, עֶר הָאט עֶפֶּעס נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ שְׁפַּייזְן זַיינֶע דְרֵיי קִינְדֶער נָאר פוּן קיקן נְגָעִים, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט אַרוֹיסְפָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ שַׁאפְן גֶעלְט פון גוּט הַארְצִיגֶע אִידְן.



עֶר קוּמְט אַהֵיים פַארְצֵיילְן זַיין וַוייבּ וָואס עֶר פְּלַאנְט צוּ טוּן און זָאגְט אִיר: "מַיין טֵייעֶרֶע חָשׁוּבְ'עֶ פְרוֹי אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר מוֹחֵל זַיין, אָבֶער אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וְויאַזוֹי צוּ שְׁפַּייזְן דִי שְׁטוּבּ, אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּזֶען וִוי דִי קִינְדֶער הוּנְגֶערְן, מַיין פְּלַאן אִיז אַרוֹיסְצוּפָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ שַׁאפְן גֶעלְט פון אִידְן וָואס וֶועלְן רַחְמָנוּת הָאבְן אויף מִיר". הָאט זַיין וַוייבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הֶער זִיךְ צוּ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז דוּ פָארְסְט, אָבֶער נָאר מִיט אֵיין תְּנַאי לָאז אִיךְ דִיר פָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ, לֶערְן מִיר אויס הִלְכוֹת נְגָעִים וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זֶען אויף אַ פְלֶעק אַז עֶס אִיז אַ נֶגַע". הָאט דֶער כֹּהֵן אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הֶער זִיךְ גוּט צוּ! דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן טוֹיזְנְטֶער הָאר אויפְן קֶערְפֶּער, וָואס אוּנְטֶער יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶערֶע הָאר אִיז דָא אַ קְוַואל וָואס דִי קְוַואל שְׁפַּייזְט דִי הָאר, דִי סְקוּנְדֶע דִי קְוַואל טְרוּקֶענְט זִיךְ אויס וֶוערְט דִי הָאר גֶעשְׁלָאגְן, עֶס וֶוערְט טְרוּקְן און עֶס וֶוערְט אַ נֶגַע".

רוּפְט זִי זִיךְ אָן צוּ אִים: "מַיין טֵייעֶרֶע מַאן, דַיין אוֹיעֶר זָאל גוּט הֶערְן וָואס דַיין מוֹיל רֶעדְט, אַ מֶענְטְשׁ הָאט אויפְן קָאפּ אָן שִׁיעוּר הָאר וָואס עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ צֵיילְן, און דוּ זָאגְסְט אַז יֶעדֶער הָאר הָאט אַ קְוַואל וָואס פוּן דֶעם לֶעבְּט עֶס, פוּן דֶעם וֶוערְט עֶר גֶעשְׁפַּייזְט, אִיז דַיינֶע דְרֵיי קִינְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְן הַאלְטְסְטוּ אַז עֶר וֶועט זֵיי נִישְׁט שְׁפַּייזְן און דִיר שִׁיקְן גֶענוּג און נָאךְ גֶעלְט"? דֶער כֹּהֵן הָאט גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט פַארְוָואס זָאל אִיךְ טַאקֶע פָארְן און אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, דֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶען מִיר דָא שְׁפַּייזְן.

פִּירְט אויס דִי מֶדְרָשׁ: עֶס אִיז נִישְׁט אַדוּרְךְ קַיין לַאנְגֶע צַייט און דֶער כֹּהֵן הָאט גֶעטְרָאפְן אִין זַיין פֶעלְד אָן אוֹצָר בַּאהַאלְטְן מִיט אַסַאךְ גֶעלְט.

אָט דִי מַעֲשֶׂה פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְן פַאר אִידְן וָואס פְלֶעגְן וִוילְן קוּמֶען קַיין חוּץ לָאָרֶץ שַׁאפְן גֶעלְט, עֶר הָאט זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה און דִי סוֹד צוּ הָאבְן גֶעלְט אִיז אֱמוּנָה און בִּטָּחוֹן - גְלֵייבְן און וִויסְן אַז נָאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶר אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט גֶעלְט, און אִים דַארְף מֶען בֶּעטְן פַאר גֶעלְט, און צוּגֶעלֵייגְט: "אִיךְ אַלֵיינְס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ תְּקוּפָה מִיט מוֹרָא'דִיגֶע דַּחְקוּת, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער נָאר גֶעבֶּעטְן און גֶעבֶּעטְן, און זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְט אויף קֵיינֶעם, און לְמַעֲשֶׂה וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט גֶעלְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען גֶעלְט - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן".

אִיז פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ אַזוֹי מְטַלְטֵל זַיין און אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, בִּפְרַט אַז מען וואוינְט אִין אַ פְּלַאץ מִיט אַזוֹיפִיל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, פְּלֶעצֶער וָואס זֶענֶען אַזוֹי מְסוּגָל פַאר קַבָּלַת הַתְּפִילוֹת, אִיז אַ שָׁאד צוּ פָארְן וַוייט, בְּלַייבּ וואוּ דִי בִּיזְט, און בֶּעט "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף גֶעלְט, אִיךְ דַארְף שְׁפַּייזְן מַיינֶע קִינְדֶער". אַז מֶען הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה, אֱמוּנָה און בִּטָּחוֹן, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

(שיחות מוהרא"ש חלק ב' ערך פרנסה)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

קכ"ו

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**דֶער רָב פוּן לַאדִיזִין, ר' דוֹב חַיָה'לֶעס, דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס פוּן דֶעם וֶוערְט נִתְגַלֶה דֶער סֵפֶר הַמִדוֹת.**

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער צוּ אַ בָּחוּר פוּן זַיין יְשִׁיבָה וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט גָאר פְלַייסִיג בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ זִיצְן כְּסֵדֶר אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן לֶערְנֶען, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי נֶעכְט.

אֵיינְמָאל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּ אִים אַ מַגִיד פוּן הִימְל צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים יֶעדֶע נַאכְט, דֶער מַגִיד אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָׁה, [מִסְתָּמֶא אִיז עֶר נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין עֶפֶּעס, אוּן דֶערְפַאר הָאט דִי סִטְרָא אַחְרָא גֶעהַאט אַ כֹּחַ זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן אִין אִים]. דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר קֵיינֶעם, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער מַגִיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער מַגִיד אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרֶעדְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן צוּ טוּן גָאר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז פוּן הִימְל, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר דָאס טוּן, וֶועט בַּיי אִים גֶעבּוֹירְן וֶוערְן דִי נְשָׁמָה פוּן מָשִׁיחַ. דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אִים גֶעגְלוֹיבְּט, אוּן הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין וַוייבּ דֶערְוֶועגְן, עֶר הָאט אִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרֶעדְן אוּן אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מַגִיד פוּן הִימְל וָואס הָאט אִים גֶעהֵייסְן דָאס טוּן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶע זַאךְ, דָאס קוּמְט פוּן הִימְל.

זַיין וַוייבּ אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז זִי גֵייט קוֹדֶם פְרֶעגְן אִיר טַאטֶע. וֶוען זִי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר אִיר טַאטֶע אִיז עֶר זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן דָאס צוּ הֶערְן, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער מַגִיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, עֶר הָאט גְלַייךְ גֶערוּפְן זַיין אֵיידֶעם אוּן אִים גֶעזָאגְט, "וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער מַגִיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן דֶער סִימָן דֶערְצוּ אִיז אַז בַּיי אַ מַגִיד פוּן דִי קְדוּשָׁה אִיז אַיינְגֶעקְרִיצְט אַלֶע א-ב אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן, אוּן דִי אוֹתִיוֹת פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא לַייכְטְן אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן; וִוידֶער בַּיי אַ מַגִיד פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אִיז טַאקֶע אוֹיךְ דָא אַלֶע א-ב אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן, אָבֶּער דִי אוֹתִיוֹת פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה שַׁיינֶען נִישְׁט. דֶערִיבֶּער, וֶוען דֶער מַגִיד וֶועט נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּ דִיר, אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דִי אוֹתִיוֹת פוּן שֵׁם הַוַיָ"ה לַייכְטְן נִישְׁט, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז עֶר אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אִים. אוּן אִיךְ זָאג דִיר אַז עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער וֶועלְן שֶׁעדִיגְן, דֶערִיבֶּער גֶעבּ אִיךְ דִיר אִיבֶּער שֵׁמוֹת אוּן קַמֵיעוֹת, אַז עֶר זָאל דִיר גָארְנִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן".

יֶענֶע נַאכְט אִיז דֶער מַגִיד גֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט טַאקֶע גֶעזֶען אַז עֶס שַׁיינְט נִישְׁט בַּיי אִים דִי אוֹתִיוֹת פוּן שֵׁם הַוַיָ"ה, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, עֶר הָאט גֶעטוּן אַלֶעס וָואס זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים גֶעהֵייסְן, אוּן עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אִים

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז עֶר זֵייעֶר אוֹיפְגֶעפְלַאמְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ ר' דוֹב, "אָבֶּער בַּיי אוּנְז, בָּרוּךְ ה', לַייכְטְן אַלֶע אוֹתִיוֹת פוּן דִי אַלֶף בֵּית!", דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶערוּפְן רֶבִּי נָתָן אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר הָא-ב.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי זִיךְ אִין אַ קְלֵיינֶעם הֶעפְט אַלֶע א-ב, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן פַאר רֶבִּי נָתָן צוּ בְּרֶענְגֶען פַּאפִּיר מִיט טִינְט, דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעזָאגְט פַאר אִים וָואס צוּ שְׁרַייבְּן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבְּן בּוֹיגְן, אוּן מֶען הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט. דְרֵיי פִיר חֲדָשִׁים שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר נָאךְ אַבִּיסְל גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דָאס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִינְגַאנְצְן פַאר אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי יָאר, וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט גֶעעֶנְדִיגְט אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן דֶעם גַאנְצְן עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּנֶעם סֵפֶר הָא-ב.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## אהער מיטן שמייכל

א יך שמייכל, איך שמייכל, איך זאג איך יעצט שמייכל איך שוין טאקע!"

"ניין... דאס איז נאכנישט קיין שמייכל... א האלבע ציין שטעקט זיך ארויס דארט, מעעט דאס איז נאך גארנישט".

"יעצט יעצט, קוקט אויף מיר יעצט, יעצט שמייכל איך שוין טאקע טאקע אינגאנצן באמת..."

***

איין נאכמיטאג צעקלינגט זיך די טעלעפאן ביי די גבאי פון מוהרא"ש - העלוי?

"יא דא רופט מען פון די שטוב פון א גרויסן איד 'הֶעָנִיו המפורסם' מיר ברויכן שוין אן אפוינטמענט ביי מוהרא"ש פאר דעם גרויסן איד".

"אוודאי גערן", דער גבאי עפענט דעם לוח און דעם נעקסטן אפוינטמענט האט ער באקומען.

דעם שיינעם קאר פונעם עניו הידוע שלענגלט זיך ארויף די גאסן פון יבניאל און שטעלט זיך אפ פאר די שטוב פון מוהרא"ש.

ארויס פונעם קאר קומט אן איינגעבויגענעם איד, די נאז גענצליך אויף אראפ, א ריכטיגע מעשה עניו מיט אן אפגעריבענעם כלאטל, און מיט זיינע גבאים שלעפט ער זיך אריין צו מוהרא"ש אין צימער.

מוהרא"ש נעמט אים שיין אויף, און ווייזט אים זיך צו זעצן "וואס קען איך פאר אייך טון? וואס האמיר די כבוד אז איר זענט היינט אהערגעקומען?"

דער איד הייבט אן וויינען אז ער מוטשעט זיך געפערליך, אלעס טוט אים וויי, אזש יעדעס מאל ער געבט זיך א בייג צוברעכט ער זיך די ביינער, ממש ער ווארפט זיך פאר יסורים, ער האט נישט קיין גוטע טאג, ס'איז אים אזוי שווער.

און ער האט געהערט אז מוהרא"ש איז א גרויסער פועל ישועות, איז ער געקומען בעטן פון מוהרא"ש א ברכה אז ער זאל האבן א רפואה, די ביינער זאלן אים שוין נישט אזוי וויי טון.

מוהרא"ש קוקט אים און זעט ווי פון די 'עניו' גיסט זיך מרה שחורה...

מוהרא"ש עפענט אים אויף א ספר המידות און ווייזט אים "קוקט וואס דער הייליגער רבי זאגט 'מי שהוא שמח הוא מצליח'!"

מוצאי שבת האט דער ראש ישיבה געזאגט אויף דעם שטיקל ספר המידות אז אויבן אויף מיינט א מענטש אז דאס מיינט מצליח זיין נאר בגשמיות, אבער ס'איז נישט אזוי, נאר אויך ברוחניות איז מען מצליח ווען מ'איז פרייליך!

און דא ווייזט מוהרא"ש פאר דעם איד אז אויך פיזיש מיט די קערפער איז מען מצליח אויב מען איז פרייליך, ווייל דער רבי זאגט דאך אז אלע קרענק קומען פון נישט זיין פרייליך.

דער שאקלט מיטן קאפ און זאגט מיט אזא וויינידיגע טאן "יא יא אוודאי א איד מוז דאך זיין פרייליך" און מיטן נוסח איכה זאגט ער "ס'שטייט דאך עבדו את השם בשמחה...."

און ער הייבט אן זאגן אזוי פארטרויערט און פאר'צער'ט "תחת אשר לא עבדת את השם בשמחה..."

מוהרא"ש קוקט אים אן, די מרה שחורה גיסט זיך בשפע, און מיטן פארזויערטע פנים זאגט ער "יא יא עבדו

# דאס און יענץ
# מיט א טיפערע
# ארײנבליק

**ישראל דוד העסקעל**



אז השם בשמחה, מ'דארף זיין בשמחה..."

וואס טוט מען דא מיט אים?

ביים סוף בעט ער פון מוהרא"ש א ברכה, און מוהרא"ש ווינטשט אים ווארעם אן א שיינע ברכה.

פארן ארויסגיין געבט איינע פון זיינע גבאים א פרעג פון מוהרא"ש אויב ער מעג כאפן א בילד פון דעם איד ווי ער זיצט מיט מוהרא"ש?

"הארצן גערן!"

דער גבאי נעמט ארויס זיין קעמערע, ער וויל שוין געבן א דרוק דעם קנעפל, און מוהרא"ש זאגט "האלט!"

ער דרייט זיך אויס צו דעם אידל און זאגט אים "ר' איד קוקט אהער, מ'גייט דא מאכן א בילד פון מיר מיט אייך, און וואס פאר א פנים וועט דאס האבן אז איך זיך מיט א שמייכל און איר זענט אזוי ערנסט?"

דער איד שטימט צו און ער זאגט פאר מוהרא"ש "איך וועל אויך שמייכלען".

מוהרא"ש קוקט אים אן "נעעע דאס איז נישט קיין שמייכל, איר דארפט שמייכלען!!!"

שוין דער איד פרובירט נאכאמאל, ער שטעקט ארויס צוויי ציינער, ער פרובירט צו שטיפן עפעס א שטיקל שמייכל, אבער מוהרא"ש זאגט אים "נא נא נאך נאך, געבט א שמייכל מיט די באק ציינער!"

דער איד פלאגט זיך, נאך א ציינדל אנטפלעקט זיך שוין, נאך א שטיקל באק רוקט זיך שוין, מ'קען עס שוין בדוחק אנרופן א שמייכל... און מוהרא"ש זאגט "ניין ניין נאך אביסל נאך אביסל, מאכט א פולע שמייכל".

דער איד פרובירט נאכאמאל און געבט ארויס אזא שמייכל ווי ס'דארף צו זיין און מוהרא"ש, ווייזט פארן גבאי "יעצט, יעצט קענט איר כאפן דאס בילד!"

דער גבאי כאפט דעם בילד און דער איד שטעלט זיך אויף. דאס האט פאסירט עפעס וואונדערליך, פלאי פלאים אלע ווייטאג פליעט אוועק, פון איין מינוט צום צווייטן שפירט ער זיך שוין בעסער, ער דאנקט מוהרא"ש פארן מופת און גייט זיך זיין וועג.

***

דער ראש ישיבה האט פארציילט מוצאי שבת די מעשה ווי אזוי דער הייליגע ישמח משה איז מקורב געווארן צו חסידות, דער ישמח משה האט געהאט א גרויסע קשיא אויף די חסידים, אלץ זענען זיי אזוי פרייליך, אין שלחן ערוך שטייט דאך אז א איד דארף זיין צובראכן אויפן חורבן בית המקדש, איז ווי אזוי קענען די חסידים אלץ זיין אזוי פרייליך?

ווען ער איז אנגעקומען צום הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע האט אים דער חוזה עס גראד פארענטפערט, אז אוודאי אין הארצן זענען מיר פארטרויערט אויפן חורבן בית המקדש, און מיר בענקן צו די גאולה השלימה, אבער אויפן פנים מאכן מיר א גרויסן שמייכל.

יעצט אין די טעג וואס מיר קלאגן אויפן חורבן בית המקדש דארפן מיר געדענקען דאס וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט "מי שהוא שמח הוא מצליח!".

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# היסטא

## תשעה באב פראיעקט

**איכה ישבה בדד...** וויאזוי איז געבליבן פון די שענסטע קהילות בישראל אזוי פארוויסט און פארלאזט? חורבן יהדות תימן איז איינס פון די בלוט דורכגעווייקטע גלות קאפיטלעך וואס כלל ישראל האט מיטגעלעבט.

די פעדער קען נישט געהעריג אויסדרוקן די ווייטאגליכע קאפיטל, און רוב פון די געשיכטעס וועלן בלייבן אומגעשריבן.

איידער מיר הייבן אן דערציילן די געשיכטע פון יהדות תימן מוזן מיר דערמאנען וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז כסדר נאך פון הייליגן רבי'ן (שיחות הר"ן) אז דאס וואס מיר פארשטייען נישט דרכי המקום, דאס וואס עס איז דא קשיות אויף'ן באשעפער, איז אייגנטליך די שיינקייט פון אונזער בורא, מיר פארשטייען נישט דעם אייבערשטנ'ס חשבונות. אבער פאר אונז ליגט יא די פליכט צו ווינען צום אייבערשטן אויף אידישע קינדער, אז אלע זאלן צוריק קומען צום אייבערשטן, און קיינער זאל נישט אוועק פאלן פון אידישקייט רחמנא לצלן, נאר מ'זאל זען די שיינקייט פון היטן תורה ומצות.

מוהרא"ש זי"ע זאגט אונז "למה? יאמרו הגוים." פארוואס? פרעגן די פעלקער. מיר אידישע קינדער גלייבן מיט אמונה שלימה אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט האט א פונקטליכע חשבון און אלעס איז פאר אונזער אייביגע גוטס. מירווארטן און בענקען אז אם כל זה אחכה לו בכל יום שיבא. און ווען משיח וועט קומען און אנפילן די וועלט מיט די עצות פון רבי'ן מיט די הייליגע און לויטערע אמונה, דאן וועט אונז אלעס קלאר ווערן. עס וועט זיין ומלאה הארץ דעה את ה' און מיר וועלן זען אז "אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה" דאס וואס האט אויסגעזען פאר'מיאוס'ט, דאס וועט זיין די הויפט ווינקל-שטיין.

...

דורכאויס אלע דורות זענען אונזער תימנ'ער ברודער געווען באוואוסט מיט זייער ריינע תמימות, שטארקע מסורה און פשרות'לאזער אידישקייט. בשעת די גלות לופט האט זיך אריינגעכאפט אין אלע אנדערע לענדער, זענען די טייערע אידן אין תימן געווען אפגעזינדערט פון די וועלט, און געלעבט מיט די תורה און מסורה, טראץ די צרות און ארימקייט מיט וואס זיי האבן זיך כסדר געדארפט פארמעסטן. די מסורה ביי יהדות תימן איז געווען זייער שטארק און אמת'דיג.

עס זענען פאראן פארשידענע גירסאות ווי ווייט עס ציעט זיך אידישקייט אין תימן. געוויסע זאגן אז דאס גייט נאך צוריק צו די צייטן פון חורבן בית ראשון. ביי געוויסע אידן אין תימן איז געווען אנגענומען אז צוויי און פערציג יאר פאר'ן חורבן בית ראשון, ווען ירמיה הנביא האט נביאות געזאגט אז ווער עס וועט זיך ראטעווען פון ירושלים וועט ניצול ווערן, זענען ארויס 75,000 משפחות, צווישן זיי כהנים און לויים, צוזאמען מיט זייערע קנעכט און דינסט. זיי האבן געוואנדערט אויף די וועגן ביז זיי זענען אנגעקומען קיין תימן וואו זיי האבן זיך באזעצט, צוליב דעם וואס זיי האבן געזען אין איר א פרוכטבארע לאנד.

לויט אנדערע שיטות זענען די אידן אנגעקומען קיין תימן הערשט נאכ'ן חורבן בית שני. אזוי צו אזוי ציעט זיך שוין אידישקייט אין תימן טויזענטער יארן. דורכאויס די גאנצע צייט האבן זיי זיך געהאלטן ערליך און געטריי צו די מסורה, שלא שינו את שמם לשונם ולבושם, זיי האבן זיך נישט געטוישט די נעמען, שפראך און קליידער. זיי האבן זיך ספעציעל ארויסגעהויבן מיט זייער שטארקע און ריינע תמימות, זייער יראת שמים און אמונת חכמים.

דער הייליגער רמב"ם שרייבט אין "אגרת תימן" זייער שיינע שבחים אויף די אידן פון תימן. די קהילת תימן איז געפלאסן על מי מנוחות פאר טויזענטער יארן. אוודאי האבן זיי געהאט צרות און גזירות, אבער פון א רוחניות'דיגע שטאנדפונקט זענען זיי געשטאנען גאר הויך.

וואס האט ענדגילטיג געשפאלטן די הייליגע און שיינע לעבן אין תימן? דאס איז געווען ווען די גייסט פון ציוניזם איז ליידער אריינגעדרינגען אין עדת תימן, ווען מען האט אויסגענוצט זייער תמימות און זייער בענקשאפט צו די גאולה, און די פארשאלטענע רשעים האבן זיי ליידער



# אריע ווינקל

איינגערעדט אז משיח איז שוין דא און מען דארף מען נישט היטן תורה ומצוות רחמנא לצלן.ליידער איז די ערליכע בליענדע קהילה געווארן א פארגאנגענהייט.

טויזענטער יאר האבן די אידן פון תימן געלעבט אפגעזונדערט פון די וועלט, אָרים עקענאמיש אבער רייך גייסטיש. די רבנים און צדיקים זענען געווען ביי זיי די העכסטע אויטאריטעט. זיי האבן אפילו געהאט א כח לעגאל צו באשטראפן א מענטש וואס היט נישט די תורה. עס איז כמעט נישט געווען קיין אידן וואס האבן אראפגעווארפן פון זיך דעם עול התורה והמצוות. די פרויען זענען געגאנגען אנגעטון זייער צניעות'דיג. ממש יעדער איז געווען קובע עתים.

ר' יחיא אלשיך זצ"ל, א אנגעזעענער ערליכער רב פון תימן וואס האט זיך שפעטער באזעצט אין ירושלים דערציילט אין זיינע זכרונות דאס לעבן פון תימן.

"די אידן פון תימן האבן זיך געהאלטן ביי מסורת האבות מיט די גרעסטע מאס זהירות. מען האט מקפיד געווען אויף א קוצו של יו"ד, נישט צו משנה זיין פון די עלטערן. מיר האבן זיך נישט גערירט מיט אונזער לבוש, שפראך אדער אונזערע נעמען. אלע זענען געווען ערליכע און גאטספארכטיגע לייט.

"ספעציעל האט ארויסגעשיינט די כבוד און רעספעקט וואס די אידן אין תימן האבן געהאט צו זייערע חכמים, רבנים און דיינים. א ווארט פון א חכם איז געווען א פסק דין פון וועלכע קיינער האט זיך נישט דערוואגט אפצוטרעטן אפילו א האר. אויב איז איינעם יא בייגעפאלן נישט צו פאלגן איז ער גלייך געשיקט געווארן צום מוסלימענישן שופט און יענער האט שוין געצווינגען דעם איד אויסצופאלגן וואס דער אידישער חכם האט אים געהייסן.

"די אורטייל פון א אידישע רב האט געהאט די זעלבע כח אין לאנד ווי להבדיל די באשלוס פון די "אימאם"- די הערשער פון תימן.

"בדרך כלל האט דער אימאן געהאט גוטע באציאונגען מיט די אידן און ספעציעל האבן די רבנים געהאט זייער לייכטע און גרינגע צוטריט צום פאלאץ. סיי וואספארא בקשה אדער תקנה די רבנים האבן געוואלט אדורכפירן האבן זיי געהאט אן אפענע טיר און עס שנעל און גרינג געקענט ערלעדיגן.

"אין געוויסע פעלער האט דער אימאם זיך אפילו שואל עצה געווען מיט די אידישע חכמים וויאזוי צו פירן דאס לאנד. דער אימאם האט שטארק געשעצט די אידישע רבנים.

אין פריעדיגע צייטן זענען געווען אימאם'ס וועלכע זענען געווען וויסטע שונאי ישראלים, אבער אין די לעצטע תקופה איידער חורבן יהדות תימן זענען די באציאונגען געווען זייער פריינטליך און די אימאם'ס האבן געזוכט צו העלפן און שיצן די אידן.

עס איז אינטערעסאנט צוצולייגן אז לויט די מיסלומענער גלויבן איז געווען א כלל "אדער א איד אינגאנצן, אדער ח"ו א מיסלומענער אינגאנצן." דאס האט טאקע געהאלפן אז די אידן זענען געבליבן ערליך און געטריי, ווייל דער גוי האט נישט אקצעפטירט א "מאדערנע איד", און דורכאויס די היסטאריע פון תימן זענען געווען ממש געציילטע וואס האבן זיך אוועקגעקערט פון אידישקייט. רובם ככלם זענען געווען ערליך, תורה טריי, און מיט א שטארקע ריינקייט און תמימות.

ר' יחאי דערציילט ווייטער אין זיינע זכרונות: "די מיסלומענער האבן אויך געהאט א שטארקע רעספעקט פאר די אידישע חכמים, און פלעגן אפט קומען בעטן ברכות פון די אידישע רבנים. זיי פלעגן זאגן אז די אידישע חכמים האבן א געווער וואס הייסט, "אפג"ם". די תימנ'ע אידן האבן געזאגט אז דאס נעמט זיך פון דעם פסוק, "אף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים..." אפילו אין די לאנד פון ענקערע פיינט וועל איך ענק נישט פאר'מיאוס'ן, און צוליב דעם פסוק זענען זיי געקומען בעטן ברכות, ווייל זיי האבן מורא געהאט פאר א קללה פונעם חכם, פאר די אפג"ם... אפילו דער אימאם פלעגט זיך ווענדן צו די חכמים אז זיי זאלן מתפלל זיין פאר אים און פאר זיין משפחה."

"די חסד וואס האט זיך אנגעזען ביי די תימנ'ע אידן איז געווען מורא'דיג. זיי האבן אלע געלעבט אין א מורא'דיגע ארימקייט,

קוים וואס מען האט געהאט צו עסן איבער די וואך. א גאנצע וואך האט מען אוועקגעלייגט און אויסגעקראצט אפאר פרוטות צו קענען קויפן מאכלי שבת. אבער אויב איז געקומען פרייטאג און מען האט באמערקט אז איינער האט נישט וואס צו עסן אויף שבת, פלעגן די חכמים ארומגיין און פארטיילן פאר די אלע משפחות עסן אויף שבת."

"אלע האבן עוסק געווען אין תורה, און געדינט דעם אייבערשטן. נישט נאר די רבנים האבן געלערנט תורה, נאר יעדעס איד האט אוועקגעגעבן אפאר שעה א טאג פאר לימוד התורה. יעדער האט געלערנט לויט זיין מדריגה. אבער עס איז געווען געוויסע שיעורים וואס יעדער אן אויסנאם האט געלערנט."

"די אידן אין תימן זענען אלע געגאנגען מיט בארד און פאיות,זיי זענען געווען בעלי ענוה, א גרויסער טייל פון זיי זענען געווען רבנים און דיינים."

"גלייך נאך חצות פלעגט מען אויפשטיין צו עבודת ה'. אלע זענען זיך צוזאמגעקומען אין די בתי מדרשים. אלע האבן געלערנט משניות, נביאים און כתובים. אויך פלעגן זיי אסאך לערנען "ראשית חכמה." יעדן טאג האט מען געזאגט תהלים. שבת קודש האט מען אויך געלערנט אסאך זוהר הקדוש."

"דער סדר וויאזוי מען האט געלערנט איז געווען אז אלע זענען געזעצן אין א רינג און דער זקן פון די חבורה האט אנגעהויבן פארצולערנען. צום ערשט האט ער פארגעלערנט א משנה און דאס אפגעטייטשט. ווען ער איז פארטיג געווארן האבן אלע אנגעהויבן איבערצו'חזר'ן. אזוי האט מען געלערנט משניות און הלכה ביז עס איז געווארן טאג. ווי נאר עס איז געווארן טאג האט מען זיך אנגעטון טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאווענען. נאכ'ן דאווענען האט מען געלערנט מקרא, משנה און תלמיד. הערשט נאכדעם איז מען ארויס ארבעטן."

"פארנאכטס איז מען ווידער געקומען אין די שולן און געלערנט רמב"ם און אנדערע הלכה ספרים. אפילו בשעת די ארבעט זענען געווען אסאך איינפאכע ארבעטער וועלכע האבן עוסק געווען בתורה. אפאר שעה האט מען געארבעט און די איבעריגע צייט האט מען געלערנט תורה. דערנאך האט מען געדאווענט מעריב און ווייטער געלערנט ביז מען איז אהיים זיך לייגן. אזוי איז אנגעגאנגען יעדן טאג."

"שבת ביי אונז אידן אין תימן איז געווען מעין עולם הבא. נאך חצות הלילה פלעגט דער שמש גיין ארום וועקן דעם עולם אויפצושטיין און קומען אין שול לערנען. דער שמש פלעגט זיך אפשטעלן ביי יעדן שטוב און רופן דעם מענטש ביים נאמען און זאגן, "גדלי', (וכו') עורי ישנים מתרדמתכם" (וועקט אייך אויף פון ענקער שלאף.)"

"מען איז זיך צאמגעקומען אין שול מיט א פרייד און חשקת התורה. צוערשט האט מען געלערנט זוהר הקדוש, אזוי אויך תהלים און נאך לימודים ביז עס איז געווארן זמן שחרית."

"אויך די שבת'דיגע סעודות זענען זייער פרייליך געווען. יעדער ראש המשפחה האט געפראוועט מיט זיינע קינדער שיינע שבת'דיגע סעודות. נאך א נאכמיטאג דרימל זענען זיך די אידן ווידער צוזאמגעקומען אין די שולן צו לערנען גמרא, מדרש און זוהר ביז צום זמן פון מנחה."

"די אינגעלעך פלעגן אנהייבן חדר ("כניס" ווי מען האט דאס דארט גערופן) ביי די דריי יאר. ביי די פיר יאר האבן זיי שוין געקענט דאווענען, ביי די פינף יאר, האבן זיי שוין געקענט חומש און שרייבן. די מלמדים זענען געווען אמת'ע ארימעלייט אבער גרויסע ירא שמים, זיי האבן נישט צוריקגעהאלטן קיין איין קינד פון לערנען תורה אפילו דער טאטע האט נישט געקענט באצאלן שכר לימוד."

"עס איז נישט געווען דארט קיין תלמוד תורה'ס נאר די קינדער פלעגן לערנען אין בית המדרש. אויך איז נישט געווען קיין טישן און קיין בענק, נאר די קינדער פלעגן זיצן אין א רינג אויף א טעפיך. אינדערמיט איז געווען א שטיין און אויף דעם שטיין איז געווען א חומש אדער אן אנדערע ספר. דער מלמד אדער די "מארי" ווי מען רופט עס, פלעגט פארזאגן און אלע קינדער האט נאכגעזאגט הויעך."

"חודש אלול האט געהאט א באזונדערע חן ביי אונז אין תימן. א גאנץ חודש אלול שטייט מען אויף צו סלוחות. דער שמש פלעגט גיין פון שטוב צו שטוב און רופן יעדן ביים נאמען, "ר' זכרי' סליחות!" ביי אונז אין רדע, תימן איז געווען זיבן בתי כנסיות און אלע זענען געווען פול מיט מתפללים. מען פלעגט זאגן סליחות מיט גרויסע בכיות. ביז מיטאג פלעגט מען זיצן אין שול און דאווענען און לערנען."

"די ארימקייט האט אבער נישט אפגעהאלטן פון דעם אז אין יעדע אידישע הויז איז געווען אסאך ספרים. עס זענען נאך היינט דא געוויסע וואס פארמאגן נאך די אמאליגע ספרים פון תימן וואס זענען געשריבן געווארן אויף קלף."

ר' יחאי דערמאנט אין זיינע זכרונות אז אויך קיין תימן איז אנגעקומען די ביטערע בשורה אז דער דייטש ימ"ש הרג'ט אויס אידישע קינדער רחמנא לצן. זיי האבן דארט גוזר תענית געווען און אסאך ערליכע אינגעלייט זענען כסדר געגאנגען איינרייסן אויף קברי צדיקים פאר אידישע קינדער.

אזוי האבן זיך די אידן געלעבט א שיינע דערהויבענע לעבן. זיי האבן אלע יארן געהאט א שטארקע בענקעניש צו ארץ ישראל און צו משיח.

אין יאר תרנ"ז (1897) האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן די פארדארבענע שיטות פון ציוניזם. אין יענע יארן האבן די אנפירערס אנגעהויבן פארשפרייטן זייערע דעות כוזבות ארום אייראפע און רוסלאנד. די פירערס האבן געהאט אן אויסגערעכנטע פלאן אז זיי ווילן איין טאג האבן אן אייגן לאנד. צום ערשט האבן זיי נאכנישט געלייגט אן אויג אויף ארץ ישראל, אבער זיי האבן אנגעהויבן פארשפרייטן די אידיאלאגיע צווישן אידן. אויך תימן האבן זיי נישט איבערגעהיפט. זיי האבן אבער אויך געוואוסט אז די אידן אין תימן זענען אפגעזינדערט און פירן זיך זייער ערליך. אנדערש ווי אין אסאך גלות לענדער וועלן זיי נישט מצליח זיין צו ברענגען א מאדערנע מענטשן וואס זאל רעדן לינקע שיטות. זיינע ווערטער וועלן פאלן אויף טויבע אויערן. איז זיי בייגעפאלן א פלאן, א נידערטרעכטיגע פלאן אז זיי וועלן פארשטעלן איינער פון זייערע לייט פאר א "חכם" א רב און די תמימות'דיגע

אידן פון תימן וואס זענען געווען געוואוינט צו פאלגן און מכבד זיין א רב, א חכם, אויף גאר א הויעכע דרגה, וועלן בלינדערהייט פאלגן זייער רב (שטראף ווי מוהרא"ש זי"ע פלעגט זיי רופן).

דער גורל איז געפאלן אויף שמואל יבניאלי. ווער איז געווען דער שמואל?

שמואל איז געווען א ציוניסטישער אנפירער וואס איז געקומען פון רוסיש פוילן (א חלק פון פוילן וואס איז געווען אונטער די רוסישע הערשאפט) זיין אריגענעלע נאמען איז געווען ווארשאווסקי אבער ווען ער איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל האט ער זיך באזעצט אין "יבניאל". דאן האט ער געטוישט זיין נאמען צו "יבניאלי".

אין יאר תרע"א איבער צוואנציג יאר איידער די ביטערע וועלט מלחמה, האט זיך יבניאלי ארויסגעלאזט פון יפו ווי ער איז ווייטער געפארן ביז עדן, די הויפט שטאט פון תימן. שמואל האט געהאט א טינקעלע הויט, ענליך צו די אידן פון תימן. ער האט זיך ספעציעל געלאזט וואקסן א בארד און פאיות כדי עס זאל אויסזען ווי ער האט א הדרת פנים, און אזוי זאל ער קענען אפנארן די תמימות'דיגע אידן פון תימן. ער האט זיך געשאפט רבנישע קליידער פון תימן, און אצינד איז ער נעבעך גרייט געווען אריינבייסן מיט זיין סם אין די הערליכע קהילת תימן.

אין תימן האט ער זיך צוגעשאקלט צום תימנ'ער חכם מארי יצחק. מיט זיין געשליפן צינג און פאלשן פרומען לבוש איז אים געלונגען צו געוואונען די צוטרוי פונעם רב. אזוי האט ער פארברענגט א לאנגע צייט בשעת ער לערנט זיך אויס די שפראך און צוגאנג וויאזוי צו פאנגען די הערצער פון די אידן פון תימן.

די תמימות'דיגע אידן זעענדיג פאר זיך א איד מיט אן עכט פרומען לבוש, און דערצו א חבר פון זייער רב האבן זיי נעבעך זיך געלאזט פארנארן און נישט גע'חלומ'ט אז אונטער די שיינע לבוש ליגט א פינסטערע עוכר ישראל מיט בייזוויליגע פלענער. אין יענע צייט האט ער מיט זיין שארפן שפראך איבערגערעדט טויזענט משפחות אז עס איז שוין זמן הגאולה און מען דארף נישט ווארטן ביז מען הערט אז משיח איז דא נאר מען זאל זיך שוין תיכף ארויסלאזן קיין ארץ ישראל רחמנא לצלן. דערנאך איז ער אויך אוועקגעפארן און ווייטער געווען אקטיוו אין די ציוניסטישע פירערשאפט.

ווי באקאנט אין די היסטאריע פון כלל ישראל, האבן ליידער די ציונים זיך גאר שטארק געפריידט מיט די אויסברוך פון די צווייטע וועלט מלחמה. דאס האט זייער גוט געשטומט מיט זייערע אגענדעס. ווי ר' מיכאל בער ווייסמאנדל זי"ע שרייבט אין זיין בלוט געווייקטע ספר "רק בדם" האבן זיי געשריגן ווי מער אונגארישע בלוט עס וועט זיך גיסן אלץ בעסער וועט זיין פאר אונז. ווייל אזוי וועט די וועלט רחמנות האבן און אונז שענקען פאליסטינע פאר א לאנד. אזוי האט טאקע פאסירט אין די ווירקליכקייט.

שפעטער ווען די ציונים האבן זיך געקריגט צו באקומען א רעכט איבער ארץ ישראל, איז דער שמואל צוריקגעפארן און אנגעהויבן ארבעטן אויף קעסל און כלים אז וואס מער פון יהדות תימן זאל קומען קיין ארץ ישראל. די ציונים האבן געדארפט אידן זאלן אנפולן און אויפבויען דאס לאנד

שמואל יבניאלי איז ארומגעגאנגען און גערעדט צו אלע אידן און זיי אז די גאולה איז שוין דא און אט אט גייט מען פליען קיין ירושלים מיט א "זילבערנע אדלער". די אידן פון תימן זענען געווען זייער צוריקגעשטאנען, זיי האבן נאך אין לעבן נישט געזען קיין פליגער, ממילא האט מען זיי גרינג געקענט איינרעדן אז א פליגער איז א "זילבערנע אדלער".

עס איז נישט געווען אזוי גרינג איבערצורעדן די תימנ'ער אידן איבערצולאזן זייער היימלאנד פון טויזענטער יארן און גיין קיין ארץ ישראל. אבער יבניאלי מיט זיין געשליפן צינג האט נישט אפגעלאזט ביז עס איז אים געלונגען צו פועל'ן ביי טויזענטער אז זיי זאלן איבערלאזן זייער האב און גוטס און פארן קיין עדן- די הויפט שטאט פון תימן, וואס פון דארט איז געווען די וועג וויאזוי מען איז געפארן קיין ארץ ישראל.

ווי מיר ווייסן האט מוהרא"ש אזויפיל צרות געליטן פון די "רע-בנים" אין יבניאל. דער שמואל איז געווען איינער פון די מסיתים ומדיחים וואס האט אפגעפארן אידישע קינדער פון גלייכן וועג.

אין די זעלבע צייט וואס די אידן איבער די וועלט זענען אריבער ביטערע צרות בשעת די צווייטע וועלט מלחמה זענען די אידן אין תימן אריבער פיזישע, גייסטישע און רוחניות'דיגע צרות וואס זיי האבן געהאט אויסצושטיין פון די פארשאלטענע ציונים.

אין יאר תרצ"ט - די יאר וואס די צווייטע וועלט קריג האט געבוזשעוועט אין די וועלט - האבן זיך אראפגעלאזט א מחנה פון די ציוניסטישע חברה קיין תימן מיט'ן ציל ארויפצוברענגען ווי מער תימנ'ער אידן קיין ארץ ישראל. אזויווי א גרויסע חלק פון די תימנ'ער אידן האבן זיך אנגעשלאסן אין די "עליה" האבן די ציונים געדארפט טרעפן א וועג צו ברענגען די "עולים" קיין פאליסטינע.

צום ערשט האט מען זיי געדארפט ברענגען קיין עדן, די הויפט שטאט, וואס פון דארט האט מען געקענט ווייטער פארן, אבער דאס איז נישט געווען קיין לייכטע וועג. צוליב די ארימקייט און די פרימיטיווע לעבנסשטייגער האט מען געדארפט מאכן דעם וועג צופיס. דאס האט גענומען לאנגע וואכן און צומאל חדשים און איז געווען אנגעלייגט מיט אסאך סכנות. די אידן זענען געווען אויסגעשטעלט צו





חיות, קרענק און דורשט, אזוי אויך האבן די אראבישע רוצחים געלאקערט אויף די וועגן און בארויבט די ארימע אידן פון זייער לעצט ביסל פארמעגן. דאך אבער האבן די תימנ'ער אידן אלע מקבל געווען באהבה און געגלייבט אז דאס דארפן זיי אדורכגיין אלץ די סוף פון גלות און זיי האבן געבענקט אנצוקומען צו ארץ ישראל.

דער פאקט אז אזויפיל אידן האבן געוואלט פארלאזן תימן אויף איינמאל האט שווער געווירקט אויף די עקענאמיע און עס האט פאראורזאכט אומרוען. דערפאר האט דער אימאם, וועלכע איז טאקע געווען זייער בשלום מיט די אידן, אבער דאך האט ער ארויסגעגעבן א געזעץ אז אידן טארן נישט יעצט פארלאזן תימן.

אצינד האט מען אפגעשפארט די וועגן קיין עדן, כדי די אידן זאלן נישט קענען ארויסגיין פון לאנד. אידן האבן נעבעך געוואנדערט חדשים לאנג אויף די וועגן, זוכענדיג אן אומלעגאלע וועג אריין. אסאך יונגע קינדער און מענטשן זענען נעבעך אויסגעגאנגען אויף די וועגן און פיל אנדערע זענען געפאלן א קרבן צו די רוצחים.

עדן איז געווען עמטליך א בריטישע קאלאניע. די בריטישע וואס האבן דאן געהאט אויך הערשאפט אין פאליסטינע, האט ארויסגעשטעלט א עמטליכע געזעץ אז נאר 1500 אידן מעגן אימעגרירן קיין פאליסטינע אין א יאר. זיי האבן געוואלט באגרעניצן די פלוס פון אידן כדי פאליסטינע זאל נישט ווערן א אידישע לאנד.



פארשטייט זיך אז פאר די אידן אין תימן איז איבערגעבליבן א נישטיגע פאר וויזעס. אבער אזויפיל האבן די בריטישע מסכים געווען אז די אידן מעגן אויפשטעלן א לאגער- א קעמפ אין עדן וואס דארטן וועלן זיי אויסווארטן ביז די צייט ווען זיי וועלן באקומען ערלויבעניש ארויסצופארן קיין פאליסטינע.

די שלוחים פון די ציוניסטישע חברה האבן זיך צוגעכאפט דערצו און גלייך אויפגעשטעלט א קעמפ, וואס זיי האבן גערופן, "משרד העליה". די ציוניסטישע שלוחים האבן אויסגעוועלט ווער עס זאל האבן זכות קדימה אריינצוקומען אין אט די משרד העליה. זיי האבן גענומען ארבעטס פעאיגע יונגע בחורים וואס וועלן קענען זיין בייהילפליג פאר די צוקומפט פון די אויפקומענדיגע מדינה.

אין די זעלבע צייט האבן זיי געארבעט אינטערערדיש צו פארשאפן אן אומלעגאלע וועג וויאזוי אריינצושמוגלען די אידן קיין פאליסטינע. אזוי אויך האבן זיי געמוטיגט אלע תימנ'ער אידן צו קומען קיין עדן, לעגאל אדער אומלעגאל און אזוי האבן זיי געהאפט צו מאכן א שטיקל אויפשטאנד און האפענטליך ארויסצווינגען ערלויבעניש אז מען זאל זיי לאזן ארויסגיין פון לאנד. זייער פלאן איז נאך געווען אז זיי וועלן אלע צוזאמען מאכן אן אויפשטאנד קעגן ענגלאנד אין פאליסטינע און אזוי פארכאפן די מאכט.

פארשטייט זיך אז זיי האבן דאס אלעס נישט פארציילט פאר די אידן פון תימן. פאר זיי האט מען איינגערעדט אז ווי נאר מען קומט אן קיין עדן פארט מען קיין ירושלים מיט'ן אדלער. די אידן האבן גארנישט געוואוסט צו זאגן אז מען לאזט זיי נישט ארויס און אז די גאנצע מעשה איז בלויז אן איינרעדעניש.

די תמימות'דיגע אידן האבן געפאלגט, נישט וואוסענדיג אז עס װארט זיי אפ א גהנום, אפילו פאר די וואס האבן שוין יא אדורכגעמאכט די שווערע וועג ביז עדן. הונדערטער אידן זענען נעבעך געפאלן טויט אויף די וועגן. אויפ'ן וועג צו עדן איז דא א שטאט וואס הייסט קעבה. די שטאט איז באצייכנט געווארן דורך די תימנ'ע אידן אלץ "עיר הקברות" ווייל דארט זענען באערדיגט געווארן הונדערטער אידן אויפ'ן וועג צו עדן צווישן די יארן פון תש"ג און תש"ד.

די ארימע אידן זענען אנגעקומען קיין עדן און זיך פלוצלינג דערזען מיט א פארמאכטע טיר און זיך געטראפן מיט קליינע קינדער אין גאס אן א דאך איבער'ן קאפ. זיי האבן נישט געהאט וואס אריינצונעמען אין מויל. דאן האבן זיך די ציוניסטישע שלוחים ארויסגעוויזן זייער אמת'ע פרצוף און זיך גענומען פייניגן די אידן. די שלוחים האבן דורכגעפירט א סעלעקציע צו זען ווער עס וועט מעגן מיטקומען און ווער נישט. יעדער איינער איז געווארן איבערקוקט אויף א פארשעמטע וועג פון קאפ ביז פיס, און בשעת מעשה האט מען זיי דערנידערט עד לעפר מיט שרעקליכע שאנד ווערטער וואס האט זיי זייער פארשעמט.

פארשטייט זיך אז די עלטערע און שוואכערע זענען גלייך גע'פסל'ט געווארן. מען האט זיי פשוט ארויסגעווארפן אויפ'ן גאס און געלאזט אויסגיין. עס זענען פארהאן בריוו און נאטיצן ווי מענטשן שרייבן די שרעקליכע פייניגונגס און דערנידערונג וואס זיי זענען אריבער. איין שרייבער פון תימן דרוקט זיך אויס, "עס איז געווען ערגער ווי שבע מיתות (7 טויט...)! די איידעלע תימנ'ער אידן זענען נישט געווען געוואוינט צו די שענדליכע און נישט איידעלע סעלעקציעס.

די שלוחים האבן אנגעזייעט אזא פחד און קיינער האט נישט געוואלט ווערן "פסול" דעריבער זענען געווען אריבער אפעראציעס אין עדן אין שפיטאל כדי אויסצוזען מער פעאיג. ליידער זענען זייער אסאך אידן אזוי אומגעקומען.

די שלוחים האבן זיך נאר אפגעגעבן מיט די "ארבעטס פעאיגע" וואס וועלן זיין א נוצן פאר'ן לאנד. ליידער דערמאנט דאס די טרויעריג בארימטע סעלעקציעס פון קריג.

הארצרייסנדע טראגישע סצענעס האט זיך אפגעשפילט ווען די שלוחים האבן ברוטאליש צעטיילט משפחות, מענער, ווייבער, און קינדער פון זייערע עלטערן.

די רבנים האבן זיך געזעצט שרייבן א בריוו צום ראש פון די סוכנות - די שלוחים.

זיי האבן נעבעך נישט געוואוסט אז די בריוו וועט ווערן געשפעט און געשענדט אין די הויפקווארטיר פון די ציונים און אלעס איז איין גרויסע בלאף.

אינעם בריוו באווייזען זיי די שווידערליכע סעלעקציעס, וויאזוי קראנקע און שוואכע ווערן געווארפן צו די אראבישע רוצחים, ווי אויך די שרעקליכע דערנידערונג פאר כלי קודש, רבנים און שוחטים.

די אידן האבן נעבעך געמיינט אז זייער בריוו וועט אנקומען צו ערליכע אידן, זיי האבן נישט געוואוסט אז דאס איז נעבעך א קייט פון א שמד מארד אויף די אידן פון תימן. די תימנ'ער אידן זענען נאך געווען ביי די דעה אז די ראשים זענען צדיקים נאר ליידער זענען די שלוחים קאליע געווארן אויפ'ן וועג...

די שלוחים האבן אויפגעשטעלט א קעמפ מיט'ן נאמען "מחנה גאולה" די נאמען איז שיין געקלינגען אין די אויערן פון די ערליכע אידן, אבער אין אמת'ן איז דאס געווען א מחנה גלות. מען האט דארט אריינגעשטופט פיר טויזענט פליטים. צווישן זיי הונדערטער יתומים. די פליטים האבן זיך געוואלגערט אויף די גאסן, געהינגערט און געליטן פון די היצן און פון די קעלט. די מזל'דיגע האבן זיך אריינגעשטופט אין א קליין געצעלט ווי בערך פיפצן משפחות האבן זיך צוזאמגעדרוקט.

אצינד איז די וועלט געשטאנען גלייך נאכ'ן קריג. די ציונים איבער די וועלט געארבעט אויף די "בריחה" דאס איז געווען א מאסן עליה פאר אלע אידן פון אייראפע נאכ'ן קריג פון די די. פי. לאגערן.

וויאזוי האט זיך אויסגעהאלטן די "מחנה גאולה"? צוליב דעם וואס די וועלט האט דאן געשפירט א שולד געפיל אויף וואס עס האט זיך אפגעשפילט מיט די אידן אין אייראפע, האבן זיי "תשובה געטון" און געגעבן אפאר נישטיגע דאלער פאר די אידן אז זיי זאלן זיין פונקט "נישט לעבעדיג און נישט טויט..."

די שלוחים האבן איינגערעדט די אידן אז אט אט גייט מען. אזוי איז פון א טאג געווארן א וואך און פון א וואך איז געווארן א חודש און דאן א יאר און צוויי און מער...

אפאר יאר זענען די אידן געבליבן שטעקן אין עדן, אן קיין געהעריגע לעבנסשטייגער

די שלוחים פון דעם שטן זענען נישט געשלאפן אין די צייט, נאר זיי האבן "צוגעגרייט" דעם יוגנט פאר די נייע לעבנסשטייגער אין ארץ ישראל.

טאג און נאכט האט מען גערעדט, ספעציעל צו די יוגנט אז מען דארף אפלאזן די אלטע לעבנסשטייגער מיט די פארנאטישקייטן רח"ל.

איינער פון די הויפטן אין מחנה גאולה איז געווען א ציוניסט מיט'ן נאמען "חיים צדוק." ער האט יעדן שבת צוזאמגענומען די יונגווארג און גערעדט צו זיי העסליכע דרשות און פאטריאטישע דרשות און געזינגען די שבחים פון מדינת ישראל.

אויך האט ער אויסגעלערנט פאר די תימנ'ער אידן די נייע שפראך העברעאיש און געפאדערט אז זיי זאלן אויפגעבן זייער הברה ספרדית.

שפעטער איז געקומען א צווייטער שליח וואס האט דאס גענומען א טריט ווייטער. ער האט אנגעהויבן אויסלערנען העבראישע לידער. לידער פון מינות און אפיקורסוס רח"ל.

עס בלוטיגט דאס הארץ און עס ציטערט די פעדער צו שרייבן פון די שרעקליכע שמד וואס איז אריבערגעפירט געווארן אין די נאנטע פארגאנגענהייט.

אויך האבן זיי אהערגעברענגט לערערס וואס האבן אנגעהויבן לערנען מיט די פארוואגלטע קינדער די לימודים פון די כופרים. דאס ערגסטע איז געווען ווען זיי האבן אויסגעריסן די איינגעווארצלטע צניעות און איידלקייט און אהערגעשטעלט געמישטע טעאטערס מיט טענץ און מוזיק

די ציוניסטישע שלוחים האבן סיסטעמאטיש אויסגעדרייט די מחנה גאולה צו א ציוניסטישע לאגער, א שטייגער ווי זיי האבן געטון אין פולין פאר די צווייטע וועלט מלחמה.

מיט די צייט האבן זיי אפילו צוגעלערנט די תימנ'ער קינדער אליינס צו ווערן לערערס פאר זייער אייגענע מענטשן. פלוצלינג איז פארשוואונדען געווארן ספרי קודש פון די טישן אין די בתי מדרשים און אויף זייער ארט איז געקומען ספרי מינות ואפיקורסוס.

אזוי האבן זיי אריינגעטראפט זייער סם אין די תימנ'ער אידן ביז די קינדער האבן אנגעהויבן שפעטן פון זייערע עלטערן און רבנים. די שלוחים האבן געשפעט און געזאגט פאר די קינדער אז מען טאר זיך נישט שרעקן פון א מארי און מען דארף נישט פאלגן א "מארי". די מאדערנע לערערס האבן זיי געלערנט ספארטס און געמאכט טענץ און פארברענגען און ליידער געפאנגען דאס הארץ פון די יוגנט.

אנשטאט א שחרית האבן זיי זיך געשטעלט מאכן עקסערסייז. אנשטאט לימוד התורה האט מען זיי געפיטערט מיט מינות און אפיקורסוס.

די שליחים האבן דערציילט מיט א גלאנץ אין די אויגן ווי אין פאלעסטינע לערנען זיך אינגע קינדער צו נוצן "הייס געוועהר" צו קענען פירן א "אידישע מדינה." די גייסט פון ציוניזיסם איז אריין אין פולן שוואונג.

די שלוחים האבן זיך ספעציעל איינגעטיילט אויף אן אופן אז א חלק פון זיי האבן אריינגעברענגט א "נאציאנאלע שטאלץ" בשעת די אנדערע האבן אריינגעברענגט א יואש און צובראכענקייט. אזוי האבן זיי געהאלטן די אידן אין פולן קאנטראל און זיי האבן ליידער מצליח געווען צו טון לויט ווי זייער רשעות'דיגע מעשים.

די הויפטן האבן זיך אויפגעפירט מיט א שרעקליכע רשעות צו די אידן. איינער פון די הויפטן "אלקנה" האט זיך באצויגן צו די אידן נידריגער ווי צו חיות. ער האט רעגלמעסיג באשלאסן צו מאכן א הינגער אין לאגער און פשוט נישט געטיילט עסן פאר אפאר טעג, אדער האט ער שטארק רעדאצירט דאס עסן אפילו פון קליינע קינדער און קראנקע מענטשן.

אויב האט זיך איינער פארזינדיגט פאר אים האט ער פאר יענע באשטראפט מיט הינגער פאר א וואך אדער מער. עס איז ממש נישט מעגליך אפשרייבן די אכזריות וואס גייט אסאך ווייטער ווי דאס געשריבענע. בשעת די אומגליקליכע אידן האבן געוואוינט ממש אין די גאסן זענען די הויפטן געזעצן אין באקוועמע הייזער.



דער אלקנה האט גענומען תימנ'ער בחורים זאלן אים אויפבויען א שיין פאלאץ. ער האט זיי צוגעזאגט טובות וואס ער האט צום סוף נישט געגעבן. אפילו אביסל עסן האט ער זיי נישט געוואלט געבן.

חוץ פון דעם האבן די שלוחים געמאכט מחלוקת צווישן די תימנ'ער אידן און אזוי האבן זיי מצליח געווען אנצוזייען א טעראר און שנאה וואס האט אונטערגעריסן די כח פון אחדות פון די אידן. זיי זענען געווען מוטלאז און אפגעשוואכט.

די פאפיר איז צו איידל און די שפראך איז נישט געאייגנט אפצושרייבן אלעס וואס די שלוחים פון דעם שטן האבן געטון

די שלוחים האבן ארויסגעשיקט די ארימע און קראנקע פון לאגער. די ענגלענדער זענען בייז געווארן פארוואס מען פארפלייצט די גאסן מיט אידן וואס וועלן זיך אנלייגן אויפ'ן לאנד. דעריבער האבן זיי געפאנגען 52 משפחות און זיי אריינגעזעצט אין שווערע אומשטענדן. אבער די שלוחים האבן זיך גארנישט געקימערט. פארקערט זיי האבן געזוכט פטור צו ווערן.

צוויי טעג זענען די אידן געווען איינגעשפארט אונטער שרעקליכע אומשטענדן. ביז די אידן פון לאגער האבן אפירגעזוכט דאס ביסל געלט וואס איז פארבליבן און דאס געגעבן פאר די הויפט פון די שלוחים וואס האט דערפאר באגנאדיגט און ארויסגענומען די אידן פון די רעגירונג. פארשטייט זיך אז עסן האט מען זיי נישט געוואלט געבן, האבן די אידן אראפגענומען פון זייערע ארימע פארציעס וואס איז אזוי אויך געווען א הינגער, און זיך געטיילט מיט די ארימערע אידן.

עס איז געקומען א מצב ווי די אידן האבן באשלאסן אז גענוג איז גענוג, און באשלאסן צו מאכן אן אויפשטאנד קעגן דעם אויבערדערמאנטן הויפט, אלקנה. ווען דער הויפט איז אבער געוואויר געווארן האט ער פארשפארט די מאגאזינען און נישט געגעבן קיין עסן פאר דריי טעג, זונטאג, מאנטאג און דינסטאג. 2,200 נפשות האבן געהונגערט. צווישן זיי קינדער, פרויען און שוואכע לייט.

דאן איז אלקנה אנגעקומען אין לאגער. די דערשלאגענע אידן האבן ניטאמאל געהאט כח זיך צו קריגן מיט אים. אבער דער הויפט איז נישט געווען צופרידן. ער האט אינטערגעשטעלט פון זיינע לייט זאלן מאכן אנגעצויגן דעם עולם און אזוי האט מען אנגעהויבן שרייען און פארפירן. עס איז געווארן א בהלה. דער הויפט האט ארעסטירט אפאר בחורים און מען האט געמוזט רופן די ענגלענדער צו מאכן שלום

דאן זענען אלע אידן אנגעטון אין טליתים, אזוי אויך פרויען און קינדער ארויס שרייען אין גאסן "געוואלד!" מען זאל זיי ראטעווען.

די אידן האבן געשריבן בריוו צו זייערע קרובים אין ארץ ישראל, הארצרייסנדע בריוו, אז מען זאל זיי ראטעווען פון די רשעות וואס גייט פאר.

אויך פלעגט ער זיי צווינגען צו מחלל שבת זיין און אפילו געצווינגען פאר די שוחטים צו מחלל זיין ראש השנה, ווען ער האט געוואלט זיי זאלן פארקויפן די הויט פאר די אראבער אינעם טאג וואס זיי האבן געשאכטן די פלייש. די שוחטים האבן נישט מסכים געווען און דער הויפט האט אפגעהאלטן שחיטה אלץ שטראף און דערפאר האבן די איבער צוויי טויזענט אידן נישט געהאט פלייש ראש השנה.

נאך אסאך שווערע רדיפות האבן די אידן געהאט אויסצושטיין, ביז מען האט ענדליך באזייטיגט דעם הויפט.

דער וואס האט איבערגענומען נאכדעם איז נישט געווען צופיל בעסער. אויך האבן די שלוחים זיך גענומען די רבנים און חכמים און אדורכגעפירט רציחות און זיי דערנידערט אויף גאר א שרעקליכע פארנעם. אויף אזא אופן האבן זיי געמאכט אז די יוגנט זאל בוגד זיין אין זייערע רבנים וואס זיי האבן טייער געהאלטן פאר אזויפיל דורות. דער הויפט האט זיי ארעסטירט און פארשיקט און אזוי זענען די אידן געבליבן ווי א סטאדע שעפעלעך אן א פאסטיך.

אין יאר תש"ח האט דער י. ע. באשטעטיגט אז מען וועט ערמעגליכן פאר די ציוניסטן צו גרינדן א מדינה. דאס האט פארשטייט זיך אויפגעקאכט בייז בלוט צווישן די שונאי ישראלים. אזוי אויך האבן זיך די אראבישע באפעלקערונג זייער צעווילדעוועט. זיי האבן זיך נעבעך גענומען איבער די ביינער פון די ארימע און פארפלאגטע אידן, וואס זענען שוין געווען אינגאנצן צובראכן מבית ובחוץ. פיל אידן זענען ברוטאליש ערמארדעט געווארן און נישט געפונען קיין שוץ וואו צו אנטלויפן.



פלוצלינג האט אנגעהויבן ארומגיין נייע שמועות אין לאנד, מען גייט שוין פליען מיט'ן אדלער. אזויווי עס איז געגרינדעט געווארן א מדינה האבן די ציונים גלייך געוואלט צושטעלן ערעפלאנען פאר די פליטים צו קומען און אויפארבעטן דאס לאנד.

אין יענע יאר (תש"ח ווען מדינת ישראל איז געגרינדעט געווארן) איז שמואל יבניאלי ווידער געקומען קיין תימן. דאסמאל האט ער געברענגט די בשורה אז די גאולה איז שוין געקומען. מען דארף מער נישטווארטן אויף משיח...(ח"ו) ער האט זיי דערציילט מיט התרגשות אז עס איז דא א אידישע מלוכה און אט אט

קומט מען זיי אפנעמען מיט א "זילבערנע אדלער" און מען וועט גיין על כנפי נשרים צום אויסגעבענקטן לאנד פון אברהם יצחק און יעקב...

ליידער האט ער גע'פועל'ט און גאנצע מחנות פון תימנ'ער אידן האבן אים געגלייבט. זיי האבן נישט גע'חלומ'ט אז אונטער די פרומע לבוש שטייט א רשע וואס איז געקומען בשליחות א מדינה של כופרים. א טייל פון די תימנ'ער אידן זענען געווען אזוי פארגלייבט אין אים אז זיי האבן געגעבן א נאמען פאר זייערע ניי געבוירענע קינדער "שמואל" נאך אים...

מיט די הילף פון נאך אזעלכע מענטשן ווי אט דער שמואל יבניאלי האבן די ציונים ליידער אריבערגעפירט אין די יאר תש"ח-תש"ט איבער 50 טויזענט אידן קיין ארץ ישראל. אין תימן זענען זיי אלע געווען שומר תורה ומצוות מיט אלע הידורים און דיקדוקים. ליידער האבן זיי ממש אלע פארלאזט די תורה'דיגע וועג ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל, מען האט זיי מעביר על דת געווען, און מען האט זיי אלע איבערגעקערט פאר פושעים וכופרים במלכות שמים רח"ל.

היינט ווייסט מען נישט קיין סאך איבער די שמד פון די תימנ'ער אידנטום, וויניג ווערט דערציילט און געשריבן איבער די שרעקליכע צרה וואס האט מיט זיי פאסירט.

מדינת ישראל האט געהאט א מיסיע "אויסצומענטשלען" די "פרימיטיווע" תימנ'ער אידן. ליידער האבן זיי מצליח געווען און מען האט זיי אלע אוועקגענומען פון די ערליכע תורה וועג.

די בשורה אז עס איז געגרינדעט געווארן א מדינה איז אנגעקומען אביסל שפעטער קיין תימן. ווען מען האט איבערגעגעבן די ידיעה פאר די תימנ'ער אידן האט מען זיי דערציילט מיט התרגשות אז אצינד איז געווארן די "גאולה שלימה" (ח"ו). זיי האבן נעבעך איינגערעדט די אידן אז אלעס וואס מען איז אריבער איז געווען די חבלי משיח און אט אט קומט שוין ליכטיגע טעג... ליידער ליידער...

עס האט אויסגעבראכן א שמחה צווישן די אידן. ענדליך קומט שוין א סוף צו די ביטערע גלות. עס איז שווער פאר אונז משיג צו זיין פארוואס די אידן האבן נאך געגלייבט די כופרים? זיי האבן דאך שוין געזען וואס די ציונים האבן געטון מיט זיי. אויף צייטווייליג האבן זיי פארגעסן זייערע צרות, זיי האבן אנגעהויבן האפן און גלייבן אז אפשר איז שוין יא די זמן פון כי פקד ה' את עמו...

די רבנים וואס זענען פארבליבן האבן יא געווארנט אז דאס איז נישט די גאולה, אבער עס איז שוין ליידער נישט געווען ווער עס זאל זיי אויסהערן.

די אידן זענען געווען אזוי דערשלאגן פון צרות אז זיי האבן ארויסגעקוקט אויף יעדן שטראל פון דערלייכטערונג. אין אזא מצב איז גרינג געווען איבערצורעדן זייערע פארשוועבקטע מוחות אז מען גייט שוין "אהיים".

אין די קומענדיגע טעג האבן די שלוחים איבערמידלעך געארבעט צו שווענקען די מוחות און זיי מסביר זיין אז מען דארף שוין אראפווארפן די עול הגלות און אצינד דארף מען מער נישט היטן תורה און מצוות עפ"ל. זיי האבן זיי מסביר געווען אז ארץ ישראל האט אזא קדושה אז מען דארף שוין נישט היטן תורה ח"ו, מען דארף נישט גיין חלילה א קאפל און היטן גדרי צניעות.

אין א שיינעם טאג זענען געקומען פרישע שלוחים מיט א פרישע בשורה. מען וועט פאראויס שיקן די פרויען און קינדער און אביסל שפעטער וועלן די מענער נאכקומען. מען האט נאר געדארפט אונטערשרייבן פאר די מדינה אז מען איז מסכים צו זיין "צייטווייליג" צעטיילט.

רוב מענטשן האבן נישט געטראכט וואס דאס מיינט. זיי האבן געגלייבט וואס מען האט זיי געזאגט און האבן מסכים געווען דערצו.

די פרויען און קינדער, ווי אויך אלטע און שוואכע זענען געגאנגען פאראויס. ליידער ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט איז דאס געווען א ספעציעלע שפיל פון די ציונים. ווי נאר מען האט אפגעטיילט די מענער פון די פרויען און קינדער איז די יוגנט געווען זייערס.




גלייך ווען מען איז אנגעקומען אין לאנד זענען ליידער טויזענטער קינדער "פארשוואונדען" געווארן. מען האט געזאגט פאר די מאמעס אז זיי זענען קראנק אדער זענען געשטארבן, און דערווייל האט מען געשווינדלט מיט זיי. א חלק האט מען פארקויפט איבער די וועלט פאר קינדערלאזע פארפעקלער פאר גרויס געלט און רוב קינדער האט מען גענומען אין קיבוצים ווייט פון די מוטערליכע שויס פון מסורה און זיי אויסגעריסן דאס גאנצע אידישקייט.

ווען די מאמעס זענען געקומען אפבעטן די קינדער פון שפיטאל האט מען זיי מיט "ווייטאג" געזאגט אז דאס קינד איז טויט. האבן די מאמעס פארלאנגט אז זיי ווילן די טויטע קערפער (זיי האבן נישט געגלייבט). אויף דעם האט מען זיי געענטפערט אז צוליב דעם וואס זייערע קינדער האבן געהאט אן אנשטעקיגע קרענק, האט מען זיי תיכף באערדיגט. האבן די מאמעס געבעטן אז זיי ווילן זען דעם קבר. אויף דעם האבן די ציונים אויפגעשטעלט פשוט'ע שטיינער וואס זענען אייגנטליך געווען ליידיגע קברים (וואס מען האט שפעטער פעסטגעשטעלט) און איינגערעדט פאר די פאר'צער'טע פרויען אז דארט ליגן די קינדער.

(א ביטערע געלעכטער... ווען די מידיע האט שפעטער אויסגעפרעגט איינער פון די רעגירונגס איינגעשטעלטע וויאזוי איז מעגליך אז איין קינד יוסעלע שוכמאכער איז פארשוואונדען און די גאנצע לאנד האט זיך איבערגעדרייט און מען האט אים געפונען. וויאזוי איז מעגליך אז אזויפיל תימנ'ער קינדער פעלן און קיינער ווייסט נישט ווי אפילו איינס פון זיי זענען? האט דער באאמטע געענטפערט א "לאגישע" טענה, יוסעלע איז געווען איינס, האט מען געקענט איינשפאנען די גאנצע רעגירונג, אבער ביי די ילדי תימן איז געווען צופיל, איז וואו הייבט מען בכלל אן??! גאנץ א זאכליכע טענה...)

דאס איז איינער פון די בלוטיגסטיגע קאפיטלען אין יהדות תימן. פארשטייט זיך אז מדינת ישראל לייקנט דאס ביז היינט און וויפיל מען האט פראבירט גריבלען אויסגעפינען וואס עס טוט זיך מיט די "ילדי תימן" האט די מדינה אלץ געמאכט זיכער צו פארשווייגן די נושא. אין געוויסע פעלער האבן זיך די (פארשטארבענע...) קינדער יא געטראפן מיט די עלטערן אין די שפעטערע יארן און די צוזאמענטרעף איז געווען ווייטאגליך, ווייל די קינדער זענען ליידער קיינער נישט געבליבן פרום.

דערווייל זענען די פרויען געבליבן אן א געהעריגע ארט וואו צו שלאפן. זיי האבן זיך געוואלגערט נע ונד און באקומען געצעלטן וואס האבן זיי נישט געשיצט. די מענער זענען נישט נאכגעקומען אזוי שנעל. עס האט גענומען חדשים ביז מען האט צוגעשטעלט נאך אן "אדלער" פאר זיי.

די ציונים האבן גערופן די פליגער "על כנפי נשרים" זיי האבן כסדר געזוכט "פרומע" נעמען וואס זאל פארפירן די מוחות פון די תימנ'ער אידן.

די אידן זענען געווען אזוי מרוגש ארויפגייענדיג אויפ'ן אדלער. די אלטע לייט זענען ארויף מיט ספרי תורות אין די האנט. זיי האבן דאס איבערגעגעבן מיט טרערן פאר די שלוחים צו "היטן" דערויף, אבער ליידער איז דאס געווען דאס לעצטע מאל וואס זיי האבן דאס געזען.

ער ווערט געשאצט אז א חשבון פון 400 פלי רייזעס איז ארויס פון תימן.

אין א קורצע תקופה איז תימן געווארן אויסגעליידיגט פון אידן. עס איז געבליבן נאר בערך אכט טויזענט אידן אין תימן.

ווי נאר די אידן זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל האבן זיי צו זייער טרויער און שאק געזען אז מען האט זיי נעבעך באשווינדלט, אבער דאן איז שוין פאר רוב פון זיי געווען צו שפעט.

מען האט זיי ארייננגעשטעלט אין איינגעצוימטע קיבוצים אפגעזונדערט מיילן ווייט פון ערליכע אידן. ווי נאר מען האט זיי מסדר געווען האט מען זיי נעבעך אפגעשוירן די בארד און פאיות און אוועקגעווארפן זייער טייערע איידעלע לבוש. די תימנ'ער אידן זענען אריבער א רוחניות'דיגע אינקוואזיציע.

א שטיק צייט איז שטילערהייט אנגעגאנגען די שמד אויף יהדות תימן אומבאמערקט. אבער נאך א תקופה איז די אידישע וועלט געוואויר געווארן דערפון און מען האט אנגעהויבן שטורעמען פון אלע זייטן. דער סאטמארער רבי זי"ע האט אויפגעפאדערט אז מען מוז זען וואס צו טון צו ראטעווען יהדות תימן. היימישע אינגעלייט, עסקנים מיט א פייער לשם שמים פלעגן אראפפארן ביינאכט צו די פלעצער פון די "עולים" און זיי פלעגן ארויסכאפן קינדער און זיי ברענגען צו פרומע ישובים. פיל בחורים זענען אזוי אפגעראטעוועט געווארן. עס זענען פארהאן אסאך העלדישע מעשיות פון מסירת נפש פון אידן וואס האבן געטון וואס מען קען צו ראטעווען דאס איבערגעבליבענע פון די טייערע און הייליגע קהילה פון תימן.

עס האט זיך אויפגעוואכט דאס אידישע וועלט, אבער ליידער האבן שוין די קערנדלעך פון כפירה זיך פעסט צושפראצט. אויך נאכדעם וואס די לאגערן (וואס איז באמת געווען ארומגענומען מיט שטעכל דראטן) זענען אויפגעעפנט געווארן, איז שוין די צרה געווען פולקאם. עס איז ליידער געווען א נארמאלע סצענע צו זען א טאטע מיט א בא'חנ'ע פארצייטישע תימנ'ער טראגע, שטיין נעבן זיין פרייע זון וואס פון זיינע אויגן שפריצן פונקן פון שפאס קעגן זיין "פארנאטישע" טאטע.

אוי... גלות גלות ווי גרויס ביסטו...

עס איז דא אסאך צו שרייבן און טרויערן אויף חורבן יהדות תימן, על אלה אני בכיה, אויף דעם קענען מיר טרויערן, אויף דעם וואס אזויפיל אידן האט מען זיי בארויבט פון זייער אמונה, אז אזויפיל אידישע קינדער ווייסן נישט פון אונזער טייערע מסורה און אז אונזער טאטע ווארט אויף אים.

מיר האבן זיך אסאך גע'ישוב'ט אהין און צוריק אויב מיר זאלן שרייבן די ווייטאגליכע געשיכטע וואס האט ליידער נאכנישט קיין ענדע. ביים רבי'ן איז דאך אלעס געווען לעובדא למעשה. וואס קענען מיר ארויסנעמען אויף למעשה?

דאס איז אונז ווידער מחזק אז מיר זאלן נישט האבן קיין שום חלק אין א מדינה וואס איר גרינד פרינציפ איז מינות ואפיקורסוס און זייער הויפט ציל פון די גרינדער זענען ליידער געווען עקירת הדת. פון די בריוו אין אשר בנחל זעט מען די ווייטאג וואס מוהרא"ש זי"ע שרייבט איבער די מדינה של גיהנום. לאמיר בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין, אז אונז און אונזערע דורות זאלן בלייבן מיט די ריינע אמונה.

און אוודאי ליגט אויף אונז די פליכט צו צוריקברענגען די אלע פארווארפענע אידן צום אייבערשטן, דורך מפיץ זיין דעם רבינ'ס עצות, היינט איז דא וועגן וויאזוי מ'קען אנקומען צו יעדן איד אין די גאנצע וועלט, און אים ארייננשיינען די לויטערע אמונה, וואס דורכדעם וועט מען דערנענטערן די גאולה שלימה.

מיר האפן און בעטן אז אלע אידישע קינדער זאלן זיך אומקערן צום שורש פון אונזער אמונה און זוכה זיין צו א תשובה שלימה, און מיר זאלן האבן די זכי' ארייננצוברענגען אין אידישע קינדער די עצה פון רבי'ן, די עצה פון משיח פון רעדן צום אייבערשטן, צו ווערן ערליכע אידן.



# דא האט איר
# א שיינע קארטל


די פילע הפצה קארטלעך
וואס וועט ברענגן נאך א איד
נענטער צום אייבערשטן,
ספעציעל יעצט זומער ווען די
קארטלעך זענען גאר
פאפולער.




קרן הדפסה

צו באקומען ביי קרן הדפסה 718-387-2691 #104 אדער אין ביהמ"ד האשקי ביי די הפצה לאקער

פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט אריין קרן הדפסה

מיר ווילן אייך פערזענליך איינלאדענען צום

# קאמפיין פארטי

וואס וועט בעזהשי"ת פארקומען אין

## מחנה אילן החיים

דינסטאג פרשת ואתחנן

ולמספרם August 5

**א גאר רייכע מאלצייט וועט סערווירט ווערן**

עס ערווארט אייך א הערליכע פראגראם

די טירן וועלן זיך עפענען

**8:00**

מיר ערווארטן אייך פערזענליך צו באגריסן

נשי חיל

A PROJECT OF THE LADIES AUXILIARY

*sruliHeskel



פאר די ברסלב״ע שטוב

# תשעה באב תשפ״ה

ש. טראכטער

**אנטלויף... משיח איז דא!**
מ. פאפענהיים

**מרה שחורה'דיגע טרערן**
ג. פעקעטע

**איך בין שטיל**
ר. ל. ווייס

# ווארעמע ברעסטן

*אין קורצן פון פריער: בתי' – קינד פון ר' יודא לייב וזוגתו בילא מייזליק ז"ל, געבליבן לעבן נאכן צווייטן וועלט קריג. זיי האבן געטון אלע שטיקלעך נישט צו דארפן מחלל שבת זיין און עובר זיין אויף מצות אין רוסלאנד. אויך האט יעדע איד געפונען א ווארעם ווינקל ביי משפחת מייזליק.*

*און יעצט ליינט ווייטער:*

אזוי איז משפחת מייזליק פארוואנדלט געווארן צו משפחת כלל ישראל. אסאך אידן האבן זיך פאררופן קרובים מיט משפחת מייזליק צוליב דעם וואס זיי האבן פארברענגט אזויפיל צייט און סעודות ביי זיי אינדערהיים.

נישט אלעמאל זענען די געסט געווען אנגענעם, צוליב די פילע צרות, פיין און רדיפות פלעגן צומאל קומען געסט וואס זענען נעבעך געווארן גייסטיש גערירט פונעם סאדיסטישע קאמיוניסטן.

איין אזא פאל איז געווען פון א מאמע מיט צוויי טעכטער וואס זענען געקומען איינשטיין "בלויז" פאר איין נאכט, די נאכט האט זיך פארצויגן פאר א גאנצע יאר. די דריי פרויען זענען נעבעך געווען נאך א חורבן, מען האט גע'הרג'עט דעם טאטן, בארויבט זייער הויז און דערצו זענען זיי דורכגעגאנגען שרעקליכע פייניגונגען פון די רשעים, דאס האט זיי געקאסט זייער גייסטישן געזונט צושטאנד. מען האט זיך געדארפט אומגיין מיט זיי גאר גאר האקל, יעדע קליינע ווארט האבן זיי אויפגענומען מיט ווייטאג און צער. מען האט זיך זייער געדארפט היטן זיי נישט וויי צו טון.

איין טאג האט שוין בתי' געשפירט ווי זי קען מער נישט, זי איז צוגעגאנגען צו איר טאטע און אים געפרעגט, "וויאזוי איז מעגליך צו מקיים זיין די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך, איז עס נישט קעגן די מענטשליכע נאטור?"

האט דער טאטע איר געזאגט: "די וועג וויאזוי מען בויעט אויף ליבשאפט איז דורך געבן, ווי מער מען געט פאר





19

## ש. טראכטער

א צווייטן אלס מער ליבט מען אים, דאס קען מען זען ביי די קשר פון א מאמע צו א קינד, די ליבשאפט פון א מאמע צו א קינד שטייגט איבער די ליבשאפט פון א קינד צו זיין מאמע, ווייל די מאמע געט און געט פאר'ן קינד, און דער וואס גיבט פאר יענעם האט מער ליב יענעם ווי דער וואס באקומט פון יענעם.

אויב ווילסטו ליב האבן יענעם "כמוך" ווי דיר אליינס, זאלסטו געבן פאר יענעם אזויפיל ביז דו וועסט שפירן אז ער איז ממש א טייל פון דיר!!"

דאס איז געווען די לופט וואס האט געבלאזן ביי משפחת מייזליק. נישט קיין וואונדער אז מען האט זיי גערופן "משפחת כלל ישראל."

די וואוינארט פון די מייזליקס זענען געווען נאנט צו די שול, די קאמיוניסטן האבן געלאזט אפן איין שול, צו ווייזן פאר די וועלט אז עס איז שקר אז זיי לאזן נישט אידן פראקטאצירן אידישקייט, אבער נאר עלטערע מענטשן זענען דארט געקומען, ווייל ווער עס איז אריינגעקומען אין שול, פלעגט גלייך ווערן נאכגעלאקערט נאך שפיאנען וועלכע פלעגן זיך אלץ דרייען דארט, און מען האט דיר אפגעסטעמפלט אלץ נישט א ריינער קאמיוניסט...

אלטע אידן פלעגן שפאצירן יעדע שבת מיילן וויט צו קענען דאווענען אין א שול, קיין חילוק אין רעגן אדער שניי. דערנאך פלעגן זיי אריינגיין צו ר' לייבע (ווי מען פלעגט אים רופן) ווי ביילא פלעגט זיי יעדע וואך אפווארטן מיט א גרויסע טאפ טשאלנט און פיינע ווארימע טיי.

נאכ'ן דאווענען פלעגט זיך א גרויסע עולם צוזעצן צו א סעודה. מען האט לאנג לאנג פארברענגט, מען האט מער פארברענגט מיט חיזוק שמועסן ווי מיט עסן און זיך דערכאפט די הינגעריגע נשמה. נאכ'ן בענטשן פלעגט מען ווייטער פארברענגען, לערנען און שמועסן ביז עס איז געקומען זמן מנחה. דאן פלעגט בתי' מיט איר מאמע אנגרייטן שלש סעודות פאר'ן עולם. אזוי זענען זיי געזעצן ביז מוצאי שבת און דאן פלעגן די אורחים אהיימפארן מיט די שטאטישע באסעס.

בתי' דערציילט אין אירע זכרונות אז די שבתים ליגן איר נאך היינט אין זכרון. זי פלעגט זיצן באהאלטן אין א ווינקל און שלינגען מיט דורשט די דברי תורה. דאס האט איר אנגעגארטלט מיט כח ארויסצוגיין נאך א וואך, און זיך שטארקן אויף די ביטערע נסיונות אין גאס.

מיט די יארן פלעגן אויך קומען פרויען פארברענגען מיט בתי' שבת נאכמיטאג, און בתי' פלעגט פארלערנען צאינה וראינה פאר די פרויען.

מער פון געבן עסן פאר אזויפיל אורחים פלעגט ביילא מייזליק מחנך זיין בתי' צו געבן א גוטע געפיל פאר די געסט. ווי בתי' פלעגט שפעטער דערציילן אז ווען איר טאטע פלעגט אהיימברענגען אורחים פלעגט די מאמע זיך אנרופן, "נאך א נס האסט געברענגט געסט, פונקט היינט האב איך געמאכט אזויפיל זופ אז איך ווייס נישט וואס צו טון דערמיט, גוטע מלאכים האבן אונז אריינגעשיקט געסט." אזוי פלעגט מרת מייזליק מאכן די געסט שפירן ווי מען האט ממש געווארט אויף זיי.

אז מען לייענט פון זייער ברייטהארציגע הכנסת אורחים מיינט מען אז זיי האבן געהאט ברייט פרנסה, אבער די אמת איז אז משפחת מייזליק האט נישט געהאט קיין איבעריגע דאלער. בתי' פלעגט ארומקלעטערן צווישן די גאסן און טרעפן פארווארפענע גרינצייג צווישן די מיסטן און דאס אהיימברענגען צו די מאמע, איר מאמע פלעגט עס אפוואשן און אפשיילן און פון דעם האבן זיי געהאט עסן צו טיילן פאר די געסט.

איינמאל גייענדיג אין די גאסן, קלויבענדיג די גרינצייג, האבן א באנדע שקצים באשלאסן צו טרייבן שפאס פון ארימע אידישע מיידל און איר באווארפן מיט שטיינער. בתי איז אהיימגעקומען זייער צובראכן און פארשעמט, און געוויינט צו איר טאטע אז מער גייט זי נישט ארויס צו ווערן אזוי דערנידערט און באפאלן.

איר מאמע האט איר דאן געזאגט "בתי' אויב דו גייסט נישט ארויס קלייבן גרינצייג, וועלן מיר נישט האבן וואס צו געבן פאר די אורחים." איר טאטע האט דאן ארומגערעדט וויאזוי אזויפיל מענטשן האבן נישט א ווארימע טעלער זופ זיך צו דערווארימען אין די רוסישע פרעסט, און וואספארא גרויסע מצוה זי קויפט זיך איין. "וואס מאכן אויס שטיינער און בזיונות קעגן די געוואלדיגע מצוה?" האט איר טאטע אויסגעפירט.

די מאמע פלעגט רעדן צו איר מיט אזא ווארימקייט, פשטות און חביבת המצוות אז בתי' איז פשוט געבליבן אן א בחירה צו טון וואס איז ריכטיג.

*לייענט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

ש. טראכטער



# תשעה באב תשפ״ה

מיין באבע פלעגט נישט אסאך רעדן פון אירע יארן דורכאויס די ביטערע מלחמה. איינמאל א יאר פלעגט זי זיך אראפזעצן מיט אונז און אונז אביסל דערציילן. דאס איז געווען תשעה באב ביינאכט, נאכ'ן ליינען איכה, פלעגט זי צומאכן די אויגן און דערציילן פון "יענע טעג."

מיר פלעגן זיצן ארום איר פארגאפט, אריינגעשלעפט אין אן אנדערע וועלט, א וועלט וואס עס איז טינקל און דאך אזוי ליכטיג, טרויעריג אבער אזוי פריילין. א וועלט וואס נאר א איד קען פארשטיין וויאזוי מען קען אזוינס אדורכגיין.

איין מעשה וואס ליגט מיר אין הארץ איז געווען א מעשה וואס האט טאקע פאסירט אום תשעה באב אין לאגער. וואס קען זיין מער הסתרה בתוך הסתרה? און דאך האבן יונגע מיידלעך דארט דוקא דארט געפינען דעם באשעפער.

מיין באבע ע"ה האט דערציילט אז זי אינאיינעם מיט נאך דרייסיג מיידלעך האבן נעבעך אדורכגעמאכט די עבודת הפרך פון דארפן שלעפן קאנאנען. וויאזוי האט מען דאס געטון? אלע מיידלעך זענען געווען צוגעבינדן מיט שטריק איינער צום צווייטן און אזוי אלע אינאיינעם זענען געווען צוגעבינדען צו די שווערע אייזערנע קאנאנען. אויפ'ן באפעל פונעם רשע ימ"ש האבן אלע געדארפט אנהייבן מארשירן. און אזוי האט זיך אויך מיטגעשלעפט די קאנען.

אויב איינער האט נישט מארשירט גענוג שנעל איז געקומען א בייטש צו פליען. די יונגע מיידלעך זענען נעבעך געבליבן אויסגעמוטשעט סוף טאג נאך אזא עבודת הפרך.

עסן איז געווען אביסל וואסער מיט קארטאפל שאלאכץ וואס שווימט ארום. דאס איז געווען כמו זופ. אויך האט מען

באקומען א קליין שווארץ שטיקל ברויט. דאס האט געדארפט ערנערן די ארימע גופים ביז צום קומענדיגן טאג.

א בעט? ווער האט געטראכט פון אזא לוקסוס? א שטיקל האלץ איינער העכער דעם צווייטן האט געדינט אלץ זייער געלעגער.

מיין באבע ע"ה האט אונז דערציילט וויאזוי אין יענעם תשעה באב זענען זיי אריינגעקומען צען מיידלעך אין באראק און זיך געלייגט שלאפן. איינער האט פארגעזאגט איכה און אלע האבן שטיל מיטגעוויינט. יעדער האט געשפירט דעם חורבן אויף די אייגענע ביינער.

מיין באבע ע"ה דערציילט אונז דאס וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר ווען מען טייטש אויס איכה אויף זיך, אז בעיקר האבן זיי געוויינט אויף די אייגענע חורבן, אויף ווי ווייט זיי זענען פון באשעפער און ווי שווער עס קומט זיי אן צו דינען דעם אייבערשטן אין אזעלכע אומשטענדן. (השגות פון יונגע קינדער...)

און דאן איז די נאכט צוגעפאלן. עס איז געווארן שטיל אין באראק. יעדער איז פארזינקען געווארן אין זייער אייגענע מחשבות. איינער האט ארויסגעלאזט א קרעכץ. פון א צווייטע בעט האט זיך געהערט א שטילע געוויין. פון העכער איר בעט הערט מיין באבע א שטילע כליפע, "מאמענו..."

מיין באבע דערציילט אונז וויאזוי זי האט געשפירט אז מען פארגעסט פון אייבערשטן. "איך האב זיך געמוזט דערמאנען אז מיר זענען אידישע קינדער..."

דאן האט זי שנעל אנגעהויבן שטיל צו זינגען דעם אלט אידיש ניגון (אויפ'ן חב"ד ניגון פון צמאה לך נפשי)

"עס מעג זיין פינסטער, טינקל איבעראל.... די גאנצע וועלט איז פול מיט מורא..."

צוביסלעך האט נאך איינער מיטגעמורמלט. א דריטער האט געזינגען, נאך איינער און נאך איינער, און עס האט זיך דערטראגן א קול צום כסא הכבוד פון ערליכע אידישע מיידלעך וואס האבן נישט קיין קשיות, האבן נישט תרעימות, אפילו אינעם גיא צלמות - שטייען נאך זיינע קינדער און האבן די כוחות צו זינגען ניגונים פון אמונה. אט דאס איז די שיינקייט פון אונזער אידישע פאלק. מען קען אונז שלאגן און שמייסן אבער פון אונזער אמונה קען מען אונז נישט אוועקנעמען.

אפילו אין די לעצטע מינוטן פארגעסן מיר נישט פון אונזער אמונה. עס איז באקאנט אז די באקאנטע אני מאמין ניגון וואס די וועלט זינגט האט א שטיקל היסטאריע אונטער זיך. ר' עזריאל דוד פאסטאג הי"ד האט דאס פארפאסט זייענדיג אין די וואגאן אויף די וועג פון אוישוויץ. נאר א אידיש קינד מיט א לויטער אמונה קען פארפאסן אזא ניגון אויף זיין לעצטע וועג און דאך גלייבן אז אם כל זה אחכה לו... ר' עזריאל האט געשריבן די נאטן פון די ניגון און אויסגערופן אז ווער עס נעמט זיך אונטער ארויסצושפרינגען פון באן און איבערגעבן די נאטן פאר זיין רבי, האדמו"ר ממודזיץ זי"ע, פארשפרעכט ער אים אז ער וועט איבערלעבן.

איין בחור האט געמאכט א שנעלע חשבון אז ער האט זיכער נישט וואס צו דערלייגן און ער האט זיך אונטערגענומען די געוואגטע שריט. ער האט טאקע איבערגעלעבט און איבערגעגעבן די נאטן פאר מודזיץ'ער רבי, וואס האט פארשפרייט דעם ניגון (און פיל אנדערע) צווישן אידן.

אויב האט איר זיך געוואונדערט פארוואס דער ניגון וועקט אויף אזא בענקשאפט און גלייכצייטיג אזא התרוממות, דאס איז ווייל דאס איז א ניגון וואס איז געזינגען געווארן פון טיפעניש פון א אידיש הארץ, פון א הארץ וואס בענקט און האפט צו זיין טאטן. א הארץ פון א איד וואס האט נישט קיין קשיות, נאר אפילו אין זיינע לעצטע מינוטן זינגט ער נאך אני מאמין. עס זענען דא וואס זאגן אז ר' עזריאל האט דאס אויסגעלערנט פאר די אידן אין וואגאן און מיט אזא התעוררות און דביקות האבן זיי אלע מקדש שם שמים געווען ברבים, בשעת זיי האבן געזינגען דעם אני מאמין.

עס דערציילט א איד אז זיין טאטע איז געווען אין לאגער אינאיינעם מיט'ן קלויזענבערגער רב זי"ע. עס איז באקאנט אז דער רב איז אריבער שרעקליכע רדיפות און רציחות דורכאויס זיינע יארן אין קריג.

עס איז געווען חנוכה און דער רב האט זיך מיט מסירת נפש געגרייט צו צינדן א ליכטל. א גרופע אידן האבן זיך געקלאמערט ארום דעם רב צו ענטפערן אמן אויף זיינע ברכות.

דער רב האט אנגעהויבן מאכן די ברכה שהחייינו מיט גרויס התרגשות. ווער וואלט געגלייבט אז אין לאגער וועלן זיי זוכה זיין צו מקיים זיין די הייליגע מצוה?

איז געשטאנען א צובראכענע איד אין די זייט, און ער פרעגט דעם רב, "זאג מיר, וואס ביסטו אזוי פריילך אז דו האסט דערלעבט די מינוט? וואס דערלעבט? דער טויט איז שוין בעסער ווי אזא לעבן."

עס איז שטיל געווארן אויף א מינוט. אלע האבן געקוקט צום רב. א שטארקע קשיא. וואס איז די גרויס פרייד? ולשמחה מה זו עושה?

אבער דער רב האט זיך צעפייערט און אויסגערופן, "שהחיינו אז איך האב דערלעבט אזא צייט צו געבן אזא נחת רוח פאר'ן אייבערשטן. איך זע ווי אלע מלאכים זענען מקנא די היינטיגע נאכט. עס שטייען אפאר אידן, די וועלט איז פינסטער אבער ביי זיי אין הארץ איז ליכטיג. עס שיינט די אמונה. איז דען דא א גרעסערע שמחה פון דעם אז מיר זענען אידישע קינדער און מיר קענען היינט צינדן ליכט?"

עס קומט טרערן אין די אויגן און דערמאנט די תניעה'לע וואס דער ראש ישיבה זינגט צו לעצטנס, "אידן זענען פיין, אידן זענען ריין, אידן זענען נאר פאר'ן אייבערשטן אליין...."

אזוי איז דא אומצאליגע מעשיות פון קידוש שם שמים ברבים. אלע פון אונז האבן געשיכטעס פון אונזערע זיידעס און באבעס, און אוודאי צדיקים וואס מען האט זיי געטראגן צו די גאז קאמערן

בשעת זיי זינגען מיט התרגשות כי ה' הוא האלוקים...

די היסטאריע פון די צווייטע וועלט מלחמה איז מיר אלעמאל געווען זייער א שווערע קאפיטל וואס איך האב נישט געגליכן צו ליינען דערפון. ביז היינט ווייס איך נישט צופיל דערפון, ווייל עס האט מיר צו שטארק איבערגענומען, ממילא האב איך קיינמאל נישט געגנישטערט און נישט געליינט דערוועגן.

איך האב אבער געהערט פון דער ראש ישיבה שליט"א א נייע דערהערט אז מען זאל דוקא יא רעדן און יא דערציילן און יא וויסן, למען ידעו דורותיכם, כדי מיר זאלן וויסן וואס די פעלקער האבן געטון צו אונז. מיר זאלן נישט פארגעסן אז די אומות העולם האבן אונז פיינט, און זייער שיין איז ביי אונז געמיין!

דאס איז מיר געווען א נייע דערהערט. איך פלעג זיך אלעמאל וואונדערן פארוואס טאקע רעדט מען פון די צרות? אבער אז מען נעמט ארויס דעם לימוד, "געדענק וואס עמלק האט געטון מיט אונז, געדענק צו שטיין ווייט פון זיי", דאס געט אריין אין אונז און אין אונזערע קינדער א גרויל, א פאראיבל צו די נישט שיינע וועג פון די גוים. דאס מאכט אונז איבערקלערן ווי דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט כסדר ביי די פרויען שיעורים און ביי די שיעורים פון די מיידלעך, "וועמען ווילסטו נאכמאכן? די רשעים וואס האבן געפייניגט און גע'הרג'עט אונזערע זיידעס? די רשעים וואס ווילן נאך היינט איבערשפילן די זעלבע גרויליגע מעשים אויב מען געט זיי די געלעגנהייט."

די געפיל פון שמחה אז איך בין א איד און דער איבל צום גוי, איז איינע פון די מתנות וואס איך האב באקומען אין היכל הקודש. ווי קען מען אפשאצן די טייערקייט פון א איד? און ווי ביטער און ווייטאגליך איז ווען מיר זוכן ח"ו צו געפעלן פאר'ן גוי.

רעדנדיג מיט מיין חבר'טע איבער די ארטיקל וואס איך קלער צו שרייבן, דערציילט זי מיר אז זי איז געווען אין יד ושם - די האלאקאסט מוזיעם אין ארץ ישראל. זי דערציילט מיר אז עס האט איר זייער געכאפט וואס זי האט געזען ביים סוף פון די אויסשטעלונג.

מען האט געזען נעבעך אן ארים, פארלאזט קינד זיצט צווישן די ברוכווארג און וויינט און שרייט פון פארצווייפלונג. דאס איז ליידער נישט געווען קיין יקר המציאות אין יענע צייט און מען זעט ווי מענטשן גייען פארביי און שטעלן זיך ניטאמאל אפ צו בארואיגן דאס קינד.

זי דערציילט מיר אז דאס האט איר געגעבן א שאקל אויף. זי האט געטראכט צו זיך, "די מאמע פון יענע תקופה האט זיכער נישט גע'חלומ'ט וואס עס וועט פאסירן אין פינף יאר ארום מיט איר קינד. זי האט זיך זיכער נישט פארגעשטעלט אז איר טייער קינד וועט זיצן אין די מיסטן ווי מען דערציילט אין מגילת איכה אויף די ירושלים'ער קינדער." וואס קען א מאמע טון צו געבן "אימיוניטי" (שיצונג) פאר אירע קינדער אז זיי זאלן זיך קענען דערהאלטן ווען (נישט אויב...) עס קומען נסיונות?

מיין חבר'טע זאגט מיר אז זי האט זיך פון פריש באנייעט איבער די כח פון א אידישע מאמע וואס קען אריינגעבן הויפנס פון אמונה. נאך אביסל רעדן פון אייבערשטן און אים דערמאנען אז דער אייבערשטער איז דא מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר. אז דאס קינד וואקסט אויף פון פיצלוויז אן מיט מעשיות פון תפילה, מיט תפילה והודאה האט ער בס"ד א וועג אין לעבן.

די מאמע וואס האט אין שנת תרצ"ו געערעדט צו איר קינד פון עמפעטי (ליגן אין דיין מצב) זי האט "ריפלעקעט" (אפגעשפיגלט געפילן) און סימפאטייזט (מיטגעשפירט) זייער פיין און זייער וואויל, אבער וואס האט דאס געהאלפן איר קינד ווען דער דייטש האט אריינגעשטורעמט מיט רציחה אפאר יאר שפעטער? וואס האט זי דאן געזאגט פאר איר קינד, "איך בין דא פאר דיר?"

ווער געט מער "סעיפטי" סעקיורירטי" "סטאבליטי" (זיכערקייט, סטאבילקייט וכו') פאר זייערע קינדער? איז דאס די מאמע וואס פירט אויס אלעס וואס זי הערט אויף געוויסע האטליינס? די מאמע וואס זאגט פאר איר קינד, "איך בין דא פאר דיר. דיין ווייטאג איז מיין ווייטאג. איך שפיר וואס דו שפירסט? איך לאז דיר נישט איבער... קיינמאל!"

אדער די ערליכע אידישע מאמע וואס זינגט נאכאמאל ביים בעטל פון איר קינד, "ה' לי, דער אייבערשטער איז מיט דיר, ולא אירא און איך האב נישט מורא פון קיינעם נישט, נאר פון דער הייליגער באשעפער אליינס..."

זאגט מיר, ווער בויעט מער דאס קינד? אז איך וועל זאגן פאר מיין קינד אז איך וועל אים קיינמאל נישט לאזן אליינס, האב איך אים געגעבן זיכערקייט? אפשר אמונה פסילה... אבער אז איך וועל אים נאכאמאל זאגן און נאכאמאל דערמאנען אז דער אייבערשטער היט און דער אייבערשטער איז דא און וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט... און דערצייל פאר'ן באשעפער דיינע פחדים און דיין זארג, דאן האב איך אים עפעס געגעבן אין די האנט וואס מיין קינד וועט מיטנעמען אין פריידן און אין ליידן.

לאמיר אויסנוצן אונזער כח. א מאמע האט די שטערקסטע השפעה אויף איר קינד. לאמיר עס נוצן צום גוטן.

השיבנו ה' אליך... ברענג אונז אייבערשטער צוריק צו דיר. אידן זענען פיין, אידן זענען ריין, אידן זענען נאר פאר'ן אייבערשטן אליין. באשעפער דו ווייסט דאך אז מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה, די וואלן פון גלות לעשט נישט אויס די פייער פון ליבשאפט וואס ברענט אין אונז. ברענג אונז שוין אהיים חדש ימינו כקדם. עס זאל שוין נתגלה ווערן אז נאר צו דיר זאל מען רעדן, נאר צו דיר זאל מען האפן און... נאר דו קענסט מיר העלפן... האב שוין רחמנות אויף מיר!




# מרה שחורה'דיגע טרערן

איך געדענק אין קעמפ אלס מיידל, ווען ס'איז געקומען די דריי וואכן און די ניין טעג, דאן תשעה באב, איז יעדער אריין אין די מצב רוח פון טרויער; דאס איז דאך די הלכה. מען דארף טרויערן אין די דריי וואכן, און אין די ניין טעג עס פארמערן, און ביי תשעה באב שוין אמת'דיג שפירן די חורבן.

ווי אזוי האבן מיר געטרויערט? קודם האט מען אויפגעהערט זינגען, נאכדעם האט מען אויפגעהערט שפרינגען, און אויף תשעה באב האט מען זיך געפירט חק ולא יעבור אז יעדער זאל אנשרעקן דעם צווייטן, אזוי זאל מען ווערן גוט דערשראקן פון שטותים און לאקשן, באבע מעשיות און ספוקי מאנסטערס. מיר האבן זיך אמת'דיג געשפירט ווי היינט איז א שרעקעדיגע טאג, ווי היינט איז עפעס א טרויעריגע טאג. מיידלעך זענען אויף געבליבן און די נאכט אריין (די איינציגסטע טאג אין זומער וואס מען האט נישט געהאט קיין OD & curfew) זיך געוואורפן פאר שרעק און געשטיקט מיט געוויין אויף אייגענע אויסגעטראפענע שרעק און פיין. וואס אבער איז געווען די טרויער??

בכלל נישט אויפן חורבן!

מוהרא"ש לערנט איז: מיר טרויערן אויף אונזער אייגענע חורבן. אוודאי טרויערט מען אז די בית המקדש איז חרוב געווארן, אבער מען קען אינזינען האבן די אלע טרויעריגע זאכן פון די אייגענע לעבן, וואס טוט ווייַ אויפן הארצן, און אזוי קען מען דאן אויך אביסל שפירן דעם אייבערשטנ'ס פיין. מען בעט דעם אייבערשטן אויף

אידישע קינדער און אויף די דור, זיי זאלן שוין אויפגעראכטן ווערן און וויסן אז דער אייבערשטער האט זיי ליב, און עס איז דא א וועג צוריק פאר יעדע אידיש קינד, און אויך אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו ווערן אויסגעלייזט פון די גלות פרטי און די גלות כללי.

דו ווילסט אמת'דיג יוצא זיין די חוב פון טרויערן אין די ניין טעג, און אויף תשעה באב? פיר זיך לויט ווי אזוי די הלכה איז. די הלכות זענען געשטעלט געווארן אז מיר זאלן וויסן וואס צו טון אין א יעדע מצב. אין די יעצטיגע זמן פון טרויער איז דא הלכות פון: נישט הערן מוזיק, נישט אנטון נייע זאכן, זיך נישט שערן, נישט זינגען און זיך פרייליך צו מאכן, נישט זיך וואשן פאר הנאה, און אזוי ווייטער. אבער פארציילן שרעקעדיגע און ספאקי מעשיות, אבי צו דערשרעקן און אריינווארפן דעם עולם אין פאניק, דאס האט דאך נישט קיין זין, דאס האט גארנישט מיט טרויערן.

מענטשן האבן די קשיא פארוואס תשעה באב זינגט דער ראש ישיבה שליט"א ניגונים מיט די תלמידים? פאר דו פרעגסט די שאלה, אפשר זאלסטו אריבערפארן אדער אריינרופן אויסהערן די ניגונים וואס מען זינגט, און זאג מיר אויב דו קומסט ארויס דערפון מיט א טרוקן אויג? דאס זענען ניגונים וואס ערוועקט אין אונז א בענקעניש צום אייבערשטן, עפנט אויף די הארץ מען זאל אמת'דיג קענען מאכן א תפילה אויף די גלות השכינה, און אויף אונזער גלות פרטי - וואס יעדער איינער האט זיך זיין אייגענע פעקל צרות. וואס אויף דעם דארפן מיר בעטן אז משיח זאל שוין קומען אונז אויסלייזן פון די כפירות ואפיקורסות וואס האט זיך אריינגעכאפט אין אונזער היינטיגע מיינונגען - וואס מענטשן פארקויפן פאר די היימישע ערליכע אידן - אויף דעם קלאגן מיר.

אדרבה - הער זיך צו צו די ניגונים, דיין הארץ וועט זיך עפענען און דאן וועסטו אמת'דיג קענען קלאגן און בעטן אויפן צער השכינה. פון דערציילן ספוקי האוז מעשיות, האסטו זיך גאר דערווייטערט פונעם אייבערשטן, ווייל דו פאלסט אריין אין א פחד און א שרעק, און דו ווייסט נישט וואס צו טון מיט די פחד און שרעק, ס'שטופט דיר אוועק פון די שטארקע אמונה, פון די ידיעה אז 'ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין'. עס מאכט דיר נאר אנגסט און שרעק.

יארן צוריק פלעג איך אויסהערן ניגונים וואס איך האב געהאט א שטארקע צוגעבינדקייט צו זיי. איך פלעג עס אנצינדן ווען עפעס האט מיר געקוועטשט, און צוהערן ווי די ניגון ברענגט מיר אראפ, אלס טיפער און טיפער, אראפ אראפ, ביז איך בין געווארן אזוי צובראכן אז איך האב זיך געקענט גוט אויסוויינען, אזוי האב איך געטראכט אז איך וועל אנהייבן בעסער פילן אין די מצב.

כ'געדענק איינמאל איז געווען שפעט ביינאכט, א שטורעם האט געווישט אינדרויסן, דינערן האבן געהאקט, בליצן האבן געקנאקט, און כ'האב זיך געפונען אליינס אינדערהיים. פון נישט האבן בעסערס וואס צו טון (און נישט טראכטן אז תפילה קען מיר יעצט ניצן) האב איך אין יענע מינוט פון פארלוירנקייט און שרעק אנגעצינדן די ניגון. אזוי בשעת'ן אויסהערן די ניגון - וואס כ'האב געשפירט ברענגט מיר נענטער צום אייבערשטן - ס'האט זיך דאך גערעדט פון 'דערהאלט זיך-ווייל מיר שטייען אט אט פאר'ן אריינזינקען אין א טיפע טאל', בין איך צוביסלעך צוביסלעך אריינגעפאלן אין די שווארצע לאך פון מרה שחורה און עצבות, ביז איך האב זיך געטראפן זיצן טיף טיף אין יענע גרוב פון טרויער.

כ'פלעג זיך אזוי פרייען ווען איך בין אנגעקומען אין יענע לאך פון טרויער, ס'האט געשפירט אזוי גוט אז יעצט בין איך אמת'דיג צובראכן און נאנט צום אייבערשטן. די פראבלעם אבער איז געווען אז ווען איך בין אריין אין יענע לאך, האב איך נישט אזוי שנעל געקענט ארויסקריכן פון דארט. ביינאכט בשעת'ן אריינקריכן דארט האט עס געפילט (כאילו) גוט און ריכטיג, אבער דעם קומענדיגן אינדערפרי האב איך נישט געהאט א וועג ווייטער זיך צו פרייליך מאכן, זיך צו שטארקן און ארויסצוקריכן פון יענע לאך, און אנגיין מיט מיין לעבן.

ס'איז אריבער א לענגערע שטיק צייט, וואס איך האב געליינט די בריוון פון אשר בנחל, געהערט די שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א, און עס האט אריינגעטראפט אין מיר מער און מער אמונה. איך האב זיך אנגעפילט מער מיט התחזקות פון דער הייליגער רבי.

איין טאג האב איך געפילט ווי א בליץ שפאלט אויף מיין מח! איך האב דאן פארשטאנען די ענין, אז ס'איז בכלל נישט געווען קיין

ניגונים פון אמונה - וואס איך פלעג זיך אזוי מחי' זיין מיט. ס'איז בכלל נישט געווען קיין הייליגע ניגונים וואס כ'האב געהערט, טראץ וואס עס האט זיך גערעדט אויבנאויף פון דערהאלטן. קוקט אויס אז אין דעם איז אויך געווען אריינגעמישט עפעס נישט אזוי איי, איי, איי. עפעס נישט פון קדושה, וואס דאס האט געהאט די כח מיר צו ציען אין די ערשטע פלאץ, עס זאל אויסזען ווי ס'טראגט מיר צו א הייליגע פלאץ, אבער ס'האט מיר איבערגעלאזט אין א פלאץ פון מרה שחורה און עצבות, וואס קומט נישט פון די קדושה.

ווען איך האב דאס געשפירט - די בליץ וואס האט מיר געגעבן א וועק אויף פון יענע טרויערדיגע, שווארצע, טונקעלע לאך - האב איך באקומען נייע גלעזער, א נייע וועג פון קוקן אויף נגינה, און אויף די וועלט. ס'האט מיר געלערנט א טיפע לימוד וואס האט מיר געהאלפן גיין ווייט.

דער הייליגער רבי רעדט אזויפיל פון די כח הנגינה. אז מען הערט ניגונים פון ערליכע אידן, קען זיך די הארץ אויפוועקן און עפענען צום אייבערשטן, און מען קען זיך גוט אויסוויינען, אויסבעטן און זיך באהעפטן מיט א שטארקייט צום אייבערשטן, מיט די ווערטער און מיטן ניגון. פארקערט אויך, זאגט דער רבי, אז ניגונים פון נישט ערליכע זינגער'ס, שלעפט אראפ דעם מענטש.

איז ווי אזוי קען מען וויסן וואס איז קדושה? וואס איז הייליג? וואס איז ריכטיג?

עוז וחדוה במקומו - געבט מוהרא"ש א קלארע מעסטן שטריק - נאר שמחה איז דא ביים אייבערשטן. דאס איז עפעס וואס דו קענסט אליין מעסטן! קוק וואו די זאך טראגט דיר. וואו פירט דיר דאס וואס דו הערסט אויס, דאס וואס דו ליינסט, אדער דאס צעבראכענקייט וואס דו פילסט היינט? עס ברענגט דיר נענטער צום אייבערשטן? עס מאכט דיר רעדן צום אייבערשטן?

מאכט דיר עס וויינען און אזוי קענסטו בעטן דעם אייבערשטן אז דו זאלסט ווערן פרייליך און ארויסקריכן פון דיינע פראבלעמען?

אדער פירט דיר עס אראפ אין באד, אן אן אויסלאז וועג, עס פירט דיר אריין אין א דעפרעסטע תהום?

מען קען אליין מעסטן אויב איז מען זוכה צו די קדושה. 'קוק וואס דו האסט אין דיין האנט' - האט מוהרא"ש אלעמאל געזאגט. דאס וואס דו הערסט אויס, די שיעור, די ניגון, ברענגט דיר עס נענטער צום אייבערשטן? עס מאכט דיר עפענען דיין מויל, כאטש איין ווארט ארויס קרעכצן און זאגן: 'באשעפער איך וויל רעדן צו דיר, איך וויל טראכטן פון דיר, איך וויל זיין נאנט צו דיר'? ווען מען גיסט זיך אויס דעם הארץ מיט אן אמת צום אייבערשטן - ווערט מען פרייליך! אבער אויב מאכט עס דיר פילן אזוי צובראכן, אז דיין מויל ווערט פארשלאסן, איז זייער נישט גוט! מעסט עס אליין אפ.




דאס איז די כח וואס דער הייליגער רבינ'ס ווערטער האט. עס עפנט אויף די הארץ און מאכט אנהייבן זינגען ניגונים פון אמונה, ניגונים פון תשובה צום אייבערשטן - וואס שפאלט דורך אלע ווענט צווישן א איד און זיין טאט'ן! עס דערנענטערט זיי מיט אן אמת'ע ליבליכע קשר. דאן קען שוין דאס קינד שפירן אויך זיין טאטע'ס פיין און בעטן אויפ'ן גאולה מיט אן אמת.

אבער דאס אלעס קען א מענטש נישט אליין אויסטרעפן, נאר דורך הערן ווערטער פון א צדיק אמת קען מען זוכה זיין צו קומען צו די קלארע דעת און וויסן אין א יעדע מצב וואס איז ריכטיג. ווי אזוי צו פארברענגען אין פריידן, און ווי אזוי זיך צו אומגיין אין טרויער. ווייל א צדיק האט די ריכטיגע וועג, מיר דארפן עס נאר אויסהערן און אנעמען, וועט אונז ליכטיג ווערן, בזה ובבא.

# איך בין שטיל

ר. ל. ווייס

צו א באלערנדע מעשה הער זיך איין,
וואס דער מעזריטשער מגיד פארציילט אזוי שיין,
טוט זיך אן ארעמאן א שטארקער אויף זיין וועג גיין,
אבער פלוצלונג האט ער געמוזט בלייבן שטיין,
שטייט א איד צווישן גוים אליין,
און מען שלאגט אים אן א יעדע ביין.

מיט זיין שטארקייט וויל ער אפשטעלן די געשלעג,
וואס גייט דא פאר, וויסן איך מעג?
נישט באצאלט קיין רענט צופיל טעג,
האט דער בעל הבית געזאגט: "דאס איז די וועג",
יעדעם העלפן מיט כח איך פלעג,
דא און געלד קען איך נישט העלפן, געבט ער זיך א רעג.

אין גאר א צווייטע געגנט קום אריבער,
פארט אן עושר מיט פיל פערד און וועגענער,
אינמיטן א געשריי פון ערגעץ הערט ער,
און ווי נאר ער קומט שוין נענטער,
זעט מען איינעמ'ס וואגן זינקט מער און מער,
דעם כח יענעם צו העלפן האט ער נישט אבער.

נאך אזא מעשה וואס איך שפיר?
אז דער ארעמאן זאל ארויסשלעפן די וואגן מיט א ריר,
דער עושר זאל געבן געלט פארן בעל הבית און זיין באנקיר,
זאגט דער הייליגער מגיד: "דיין אמונה נישט פארליר",
דער אייבערשטער פירט אנדערש ווי עס קוקט אויס גוט פאר דיר,
אייבערשטער העלף איך זאל דאס אריינעמען אין מיר!

אייבערשטער העלף אז ווען איך טראכט:
פארוואס זי פון צרות שטענדיג שמאכט,
און א צווייטע האט כבוד און פראכט,
און גאר א דריטע פון די וועלט זי לאכט,
און זי נאר פראבלעמען און אלעמאל זי קאכט,
זאל איך געדענקען אז אלעס דו האסט געמאכט!



מ. פאפענהיים



# "אנטלויף"
# משיח איז דא!

עס איז געווען אין א רואיגע פארמיטאג, געלויבט דעם אייבערשטן מען האלט שוין נאך א גוטן פרישטאג, נאכן זאגן א אידיש ווארט, איך וויל יעצט צאמנעמען אביסל די הויז, אנשטעלן א לאוד וועש, צוגרייטן עפעס צו נעמען אין מויל, אפשר אויך אנקומען צו ערלעדיגן אין גאס דאס וואס ווארט שוין גאנץ לאנג. צווישן אלע טויזנט זאכן וואס איך וויל ארייננכאפן, וויל איך נאך עפעס ערלעדיגן היינט, עפעס צווישן מיר און באשעפער, איך האף זיך צו נעמען די פאר שטילע מינוטן און אויסרעדן מיין הארץ.

ווייסט וואס? זאג איך צו זיך, לאמיר קודם ארויפשטעלן עסן אויפן פלאם און נאכדעם וועט מען זיך אוועקזעצן האבן אביסל מי - טיים...

מיין גרויסע איין יעריגע העלפערין שטייט נעבן מיר און קוקט נאך מיט גרויסע נייגעריגע אויגעלעך וואס די גרויסע שטארקע מאמע טוט, "זעסט? דאס איז א מייער" ווייז איך איר. זי צושמייכלט זיך ברייט, "מייא" פרובירט זי מיר ווייזן אירע קענטעניש. "יא, א מייער" שטום איך מיט, זי צולאכט זיך אויפן קול, אלעס אויפן קאונטער ווערט מייערן. "מייא מייא" פלאפלט זי ווייטער.

געלויבט דעם באשעפער דער נאכטמאל איז אויף א וועג, שוין, די בעיבי ווערט שוין מיד, זי האט זיך ממש איבערגעשטרענגט פון זען אלע מייערן. "קום שעפעלע, מען גייט שלאפן" זאג איך איר, ווי נישט רייסט זי זיך ארויס פון מיינע הענט און פרובירט צו אנטלויפן, פון וואו ווייסט זי שוין די קליינע, אז

גיין שלאפן איז א זאך וואס מען דארף נישט וועלן? וואונדער איך זיך, אבער ווען איך לייג איר אין בעטל, לייגט זי זיך שיינערהייט אוועק און שלאפט זיס איין.

יעצט מוז איך כאפן א דרימל, זי שטייט באלד אויף און דעמאלט קען איך פארגעסן פון שלאפן, איך גיי נאר אריין א מינוט אין קאך, דריי אראפ די פלאמען, נאכן שלאפן וועל איך פארענדיגן דעם נאכטמאל און אלעס וואס איך האלט אינמיטן.

איין מינוט, האסט דאך געהאט אין פלאן צו רעדן אפאר מינוט צום באשעפער. יא, יא, זאג איך שטיל צו מיר, נאכן שלאפן וועל איך דאס אויך ערלעדיגן.

איך ליג נאכנישט קיין פינף מינוט אין בעט, ווען א הויכער שרעקעדיגער אלארם רייסט איבער די לופט, מיין בלוט ווערט פארפרוירן, און מיין הארץ הייבט אן ווילד צו קלאפן. באשעפער! וואס איז יעצט געשען??? ס'הייסט דאך יעצט א פייער שטילשטאנד! אפשר איז עס פון די הוטיס (חותים)? אדער האט זיך אנגעפאנגען עפעס אנדערש??? אזוי צו אזוי, קען איך שוין נישט אניאגן צו לויפן זיך באשיצן אין ערגעץ נישט, איך בלייב אין בעט און אנטלויף גראד צום באשעפער: "הייליגער באשעפער! געב אכטונג אויף אלע אידן! העלף ס'זאל קיינעם נישט שעדיגן! נישט בגוף און נישט בנפש! באשעפער, זאל נאר מיין שפעלעלע זיך נישט אויפוועקן פון די באמבעס, איך וויל נאך אביסל שלאפן!"

עטוואס בארואיגט ווארט איך צו הערן ווי דער אלארם שטילט זיך איין, און די באמבעס וואס פלאצן אויף און צוטרייסלען אלע פענסטער'ס און טירן. אבער... דער אלארם ווערט נישט שטיל, עס גייט נאר ארויף העכער און העכער... עס איז זייער מאדנע... געווענליך גייט עס ארויף און אראפ, ארויף און אראפ, און עס געדויערט קיינמאל נישט אזוי לאנג, דא ווערט עס נאר העכער און העכער, שטערקער און שטערקער, נענטער און נענטער...

וואס גייט דא פאר?????????

ווייזט אויס אז נייגער קען זיך באהערשן איבער שרעק, ווייל איך מוז זען וואס ס'טוט זיך! איך קריך אראפ פון בעט און גיי צו צום פענסטער, די גאס איזליידיג און שטיל, דער עולם פארשטעקט זיך אין די לעכער, נאר דער הויכער פייף הערט זיך און ווערט אלץ העכער און העכער, נישטא קיין באמבעס... קיין פליגערס... קיין ארויפשיסן און אראפשיסן... דא און דארט זעט מען נאך אזעלכע נייגעריגע מענטשן אזוי ווי מיר, וואס פראבירן צו דערשמעקן וואס גייט פאר, איך נייג צו א אויער, עס איז נישט קיין געווענליכע פייף, עס הערט זיך נענטער צו א שופר...

איז עס טאקע דער אויסגעווארטענער קול שופר???

ווילסט מיר זאגן אז...

ער איז אנגעקומען???

צו איז ער שוין טאקע דא???

ווי אזוי וועט ער אויסזען, אונזער אויסלייזער??? צו וועט ער זיין אנגעטון אין די פולע חסיד'ישע קליידער? אדער גאר מיטן ירושלימ'ער קאפטן און יארמולקע? צו אפשר ווי די ליטווישע ערנסטע אידן?

איין זאך בין איך זיכער, אז אין אזעלכע מינוטן, ווען דער אייבערשטער וועט זיך אנטפלעקן, און דער פייערדיגער



בית המקדש וועט אראפקומען פון הימל, וועט מיר נישט אנגיין די זאכן.

לאמיר אים אנטקעגן גיין! וואו איז יעדער???

אבער... יעדער האט מורא ארויסצוקומען פון די לעכער, און... ס'איז דא פון וואס מורא צו האבן... דער שרעקליכער יצר הרע, דער פרומער, מיט די ווייסע בעקיטשע און לאנגע בארד ווערט גע'שחט'ן, און דער זיסער אמת שווימט ארויף. עס ווערט אנדעקט א פארקערטע וועלט, דער רייכער גביר - וואס יעדער איז אים נאכגעלאפן און זיך געבוקט צו אים - קען נישט ארויסשטעקן זיין נאז, עס שטיקט פון אים מיילן ווייט. און די וועלכע האבן געגעבן פון זייער געלט צו בויען שולן, מקוואות, מוסדות און ארגאניזאציעס פאר חסד, זעען די וואונדערליכע פירות פון זייערע פאר דאלער, די מומחים פאר תורת הנפש, שלום בית מאכער'ס, און טערעפיסטן, וואס האבן געשינדן די הויט און חרוב געמאכט מענטשנס לעבנ'ס, דארפן יעצט אפגעבן דין וחשבון פאר יעדן קעיס.

אויך די רעדנערינ'ס וואס האבן גע'דרש'נט פאר פולע זאלן, ווי אזוי א פרוי דארף 'אראפשטעלן א פוס' און שטיין אויף אירע רעכטן, אדער 'לעבן מיט העכערקייט', 'געבן פארן אייבערשטן זאכן וואס מען מעג טון', שטייען מיט אראפגעלאזטע קעפ קעגן משיח'ן, מען קען שוין נישט פארדרייען קיין קעפ מיט העכערע ענינים און זאגן אז "ביי אונז רעדט מען נישט פון דעם", עס קומט ארויף אלע צרות וואס דאס האט צוגעברענגט, און מען קען אין ערגעץ נישט אנטלויפן.

דווקא די אנדערע פרויען, יא, יענע נישט ספעציעלע, נו, די אזעלכע וואס געבן זיך קיין עצה נישט, וואס נאר איין איינציגער באשעפער ווייסט וועלכע מלחמות זיי גייען אריבער טאג טעגליך מיט זיך אליין, ווי אזוי זיי האלטן זייער שטוב מיט ציין און נעגל, ווי אזוי זיי

דער אלארם ווערט נישט שטיל, עס גייט נאר ארויף העכער און העכער... עס איז זייער מאדנע... געוויינליך גייט עס ארויף און אראפ, ארויף און אראפ, און עס געדויערט קיינמאל נישט אזוי לאנג, דא ווערט עס נאר העכער און העכער, שטערקער און שטערקער, נענטער און נענטער...

וואס גייט דא פאר??????????

דראפען זיך צומאל ממש ביז בלוט, און זיי פילן שוין ווי עס טרעט אט אט צו צום מח. דווקא זיי ווערן אויפגענומען מיטן פולסטן כבוד, און ווערן באקרוינט מיט די טייערסטע קרוינען.

הלוואי זאל איך זיין איינס פון זיי!

דער טאג טעגליכער לעבן גייט ווייטער און, די קינדער לויפן פרייליך אין חדר לערנען פון א לעבן פון קדושה וטהרה, קרבנות און עבודה, שעפעלעך און ציגעלעך, די משפחות פון די כהנים און לווים זענען איינגעטיילט אין משמרות צו גיין אויפהאלטן דעם בית המקדש מיט די פילע קרבנות פון אלע אידן, זיי באקומען די אלע מתנות וואס עס קומט זיך זיי, און יעדער איד האט די געוואלדיגע זכיה ארויפצוקומען אין בית המקדש און פילן דעם אייבערשטן אפן, אן קיין קשיות און בלבולים.

לאמיר זיך נישט לאזן נארן, דער הייליגער רבי זאגט: צווישן איצט און משיח איז דא איין חילוק, ביים הייליגן רבי'ן איז נאך דא די בחירה אים צו פאלגן אדער נישט, אבער ביי משיח וועט שוין נישט זיין קיין בחירה, יעדער וועט טון די לעכטיגע עצות, צו מ'האט יא אדער נישט געהאלטן...

מיר האבן שוין א וועג, שוין יעצט צו פילן דעם אייבערשטן נאנט, און זוכה זיין צו א ריינע אמונה און א קלארע מח. לאמיר זיך נישט לאזן פארדרייען, אט אט, איז ער דא! משיח גייט איינעמען די וועלט מיט תפילה! יעדער גייט דערציילן מעשיות פון תפילה! יעדער גייט רעדן נאר פון אייבערשטן!

לאמיר שוין יעצט אריינכאפן! און שוין יעצט זוכה זיין זיך צו פילן נאנט צום אייבערשטן!

"הייליגער באשעפער איך וויל שוין יעצט רעדן צו דיר! יעדן טאג טראכט איך אז יא, יא, באלד, נאכן קאכן, נאך די וועש, נאכן שלאפן, דעמאלט גיי איך האבן די ישוב הדעת ארויסצורעדן א ווארט. העלף מיר שוין יעצט! העלף מיר איך זאל עס מער נישט שטופן, איך זאל אלעמאל רעדן צו דיר, אלעס בעטן פון דיר, און געדענקען אז אלעס קומט פון דיר!"

# קלאסיפיידס




צו דינגען א דירה פאר שבת אויף די האשקי גאס
רופט יעקב יאקאבאוויטש 347-641-3618

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יוסף הכהן פריעדמאן הי"ו**
**וזוגתו שיינדל תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם און אלע קינדער.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אייזיק הכהן קאהן הי"ו**
**וזוגתו בילא מרים תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם און אלע קינדער.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב משפחה

**מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו**
**וזוגתו רבקה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אשר קרויס הי"ו**
**וזוגתו פערל תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם און אלע קינדער.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם צוויבל הי"ו**
**וזוגתו אסתר שרה ברכה תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם און אלע קינדער.


קינדער בלעטל
דער שבת ספּייס
- מענטשערליך
דער הייליגער בית המקדש
איז היינט חרוב געווארן?!
- דעם רבינ'ס חדר

# מִשְׁפָּחַת גְּלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

צִירִי, דוּ וֵוייסְט, הַיינְט אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע טָאג! הַיינְט גֵיי אִיךְ נִישְׁט זַיין לַאנְגְוַוייליג!"

הֶענְדִי הָאט מִיר עֶנְטְפַאנְגֶען מִיט אַ לוּסְטִיגֶע שְׁמֵייכְל.

"ווייסט פַארְוָואס? - הָאט זִי מַמְשִׁיךְ גְעוֶוען - וַוייל דִי מַאמֶע פוּן גְלִיק, יָא, דוּ ווייסט וֶועם אִיךְ מֵיין? וָואס זֵיי הָאבְּן אַ מֶענְדִי, מִיט אַ רִבְקָה'לֶע מִיט אַ בְּרָכִי..."

"יָא" - הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ ווייס זֵייעֶר גוּט, אִיךְ קֶען זֵיי גוּט, ווִילְדֶע קִינְדֶער, אַךְ...

"זֵייעֶר מַאמֶע הָאט אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט בַּיי דִי דֶענְטִיסְט, אוּן זֵיי גֵייעֶן קוּמֶען שְׁפִּילְן בַּיי אוּנְזֶער הוֹיז!" הֶענְדִי הָאט גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן גְלִיק.

אוֹישׁ... פַארְוָואס דַארְפְן זֵיי דָא קוּמֶען? פּוּנְקְט הַיינְט? כְ'הָאבּ שׁוֹין גֶעפְּלַאנְט אַז הַיינְט גֵייט זַיין אַ רוּאִיגֶע שְׁטִילֶע נָאכְמִיטָאג, אִיךְ וֶועל קֶענֶען לֵיינֶען, מָאלְן, אֲפִילוּ הֶעלְפְן מַיין מַאמֶע! אָבֶער נִישְׁט מִיט גֶערוּדֶער אוּן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ! כְ'הָאבּ נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד צוּ דִי ווִילְדֶע לֶעבֶּעדִיגֶע שְׁפְּרִינְגֶעדִיגֶע קִינְדֶער פוּן אוּנְזֶערֶע קָאזִינְ'ס גְלִיק, אוֹישׁ...

"אָקֶעי, זֵיי קֶענֶען קוּמֶען, אָבֶער אִיךְ קוּק זֵיי נִישְׁט אָן, אוּן אִיךְ רוֹים זֵיי נִישְׁט נָאךְ! ס'אִינְטְרֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט פוּן זֵיי..."

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ שִׁיעוּר נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְרוּפְן, כְ'הָאבּ זִיךְ בַּאצַייטְנְס אַיינְגֶעהַאלְטְן! נָאךְ אַ מַזָּל! ס'וָואלְט גֶעוֶוען אַזַא שָׁאד...!

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוּן גֶעטְרַאכְט. וָואס שְׁטֶערְט מִיר אַזוֹי אַז זֵיי קוּמֶען? אַז זֵיי וֶועלְן מִיר שְׁטֶערְן? ס'וֶועט מִיר זַיין אַבִּיסְל שְׁוֶוער?

נוּ, אִיךְ בִּין דָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט זִיךְ צוּ מַאכְן בַּאקְוֶועם אוּן אַלֶעס זָאל גֵיין אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ לִיבּ! דָא הָאבּ אִיךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט אֲוֶועקְצוּגֶעבְּן פוּן מִיר אוּן טְרַאכְטְן פוּן יֶענֶעם.

אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מַיין מַאמֶע: "מַאמִי, אִיךְ קֶען הַיינְט מַאכְן אַ דֶעִי קֶעמְפּ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן דִי גֶעסְט וָואס גֵייעֶן דָא הַיינְט קוּמֶען, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט שְׁטֶערְן אוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן!"

"זִיכֶער!" הָאט מַיין מַאמֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט, הֲנָאָה הָאבְּנְדִיג פוּן מַיין גוּטֶע ווִילְן, "ס'אִיז אַ גֶעווַאלְדִיגֶע פְּלַאן, הָאסְט אַ רִיזִיגֶע מִצְוָה!"

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט מִיט אִימְפֶּעט אוּן פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת, פַארְגֶעסְנְדִיג אַז אִיךְ בִּין פְרִיעֶר גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג.

כְ'הָאבּ גֶענוּמֶען, מִיט רְשׁוּת פוּן מַיין מַאמֶע, קָאלִירְטֶע שְׁטְרוֹיעֶן, עֶס צוּשְׁנִיטְן אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן אַיינְגֶעטֵיילְט יֶעדֶע קָאלִיר אִין אַ זֶעקְל.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעמָאלְן אַ שֵׁיינֶע הֶערְצֶעלֶע אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אִינְמִיטְן: "אִיךְ פַארְמֶער אַהֲבַת חִנָּם!" כְ'הָאבּ עֶס נָאכְקָאפִּירְט זִיבְּן מָאל, ס'זָאל זַיין גֶענוּג פַאר אַלֶעמֶען.

"דִי גֶעסְט זֶענֶען דָא!" הָאט מַיין מַאמֶע אוֹיסְגֶערוּפְן. אִיךְ הָאבּ זֵיי וַוארֶעם אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן עֶרְקְלֶערְט אַז: "הַיינְט גֵייט זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע דֶעִי קֶעמְפּ מִיט קָאוּנְסְלֶער צִירִי, אוּן אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן זַיין זֵייעֶר וואוילי!"

כְ'הָאבּ גֶעהֵייסְן זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן אוֹיפְן קָאוּטְשׁ אוּן מְ'הָאט גֶעזוּנְגֶען "זָאל שׁוֹין זַיין דִי גְאוּלָה..."

דִי קִינְדֶער הָאבְּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶרֶע הֶענְט צוּם הִימְל אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיף דִי גְאוּלָה מִיט אַ הַארְצִיגֶע תְּמִימוּת.

אִיךְ הָאבּ זֵיי פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן קַמְצָא אוּן בַּר קַמְצָא, שִׁילְדֶערְנְדִיג דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן שִׂנְאַת חִנָּם, אַז וֶועגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט, אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ!

כְ'הָאבּ הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וִוי דִי קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ צוּ מִיט אָפֶענֶע מַיילֶער אוּן אָנְגֶעשְׁפִּיצְטֶע אוֹיעֶרְן.

דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעטֵיילְט פַאר יֶעדְן פוּן דִי צוּשְׁנִיטֶענֶע שְׁטִיקְלֶעךְ שְׁטְרוֹיעֶן אוּן כְ'הָאבּ זֵיי אָפְּגֶעשְׁנִיטְן אַ גֶעלֶע בֶּענְדְל.

יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַרַיינְגֶעפִּירְט דִי שְׁטְרוֹיעֶן אִין דִי בֶּענְדְל, דִי גְרֶעסֶערֶע הָאבְּן גֶעהָאלְפְן פַאר דִי קְלֶענֶערֶע, אוּן כְ'הָאבּ זֵיי אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט, אַז זֵיי לֵייגְן צוּ שְׁטֵיינֶער צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

אִינְמִיטְן פוּן דִי קֵייטְל הָאט מֶען אַרַיינְגֶעצוֹיגְן דִי שֵׁיינֶע הֶערְצֶעלֶע וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן בַּאפּוּצְט מִיט סְטִיקֶערְ'ס.

יֶעצְט אִיז שׁוֹין יֶעדֶער גֶעוֶוען

ל. סאקס

בַּאצִירְט מִיט אַ שֵׁיינֶע קֵייטְל וָואס דֶערְמַאנְט צוּ לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד!

"צִירִי , מֶ'אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען נֶעמֶען דִי זִיסֶע קִינְדֶער פוּן דִי דֶעִי קֶעמְפּ!" הָאט מַיין מַאמֶע אוֹיסְגֶערוּפְן אוֹיפְמַאכְנְדִיג דִי טִיר "זֵיי דַארְפְן שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין, זֵייעֶר מַאמֶע אִיז שׁוֹין דָא!"

וָואס? אַזוֹי שְׁנֶעל? זִי הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ'גֵייט נֶעמֶען עֶטְלִיכֶע שָׁעָה? כְּ'הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ בְּלִיק אוֹיפְן זֵייגֶער, אָה, סְ'אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דְרֵיי שָׁעָה פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען, כְּ'הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דִי צַייט לוֹיפְט!

דִי קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעלָאפְן צוּ זֵייעֶר מַאמֶע מִיט פְרֵיילִיכֶע גֶעשְׁרֵייעֶן, וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִינְאֵיינֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַלְץ גֶעטוּן בַּיי דִי גֶעשְׁמַאקֶע דֶעִי קֶעמְפּ.

זֵייעֶר מַאמֶע הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט אוּן מִיר בַּאגָאסְן מִיט בְּרָכוֹת, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ דַארְף אִיר בַּאדַאנְקֶען, אִין אִיר זְכוּת הָאבּ אִיךְ זִיךְ הַיינְט גֶעלֶערְנְט אַז פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֶעט אוֹיס אִין אָנְפַאנְג שְׁוֶוער, אָדֶער נִישְׁט גֶעשְׁמַאק, קֶען מֶען מַאכְן אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער, וָואס דִי גוּטֶע טַעַם בְּלַייבְּט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט! אוּן זִיכֶער דִי שְׂכַר פוּן מִצְוָה בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג! אוֹיךְ לַאנְג נָאךְ וָואס כְּ'וֶועל שׁוֹין פַארְגֶעסְן פוּן דִי הַיינְטִיגֶע טָאג! דִי גוּטֶע גֶעפִיל פוּן בַּאפְרִידִיגוּנְג הָאבּ אִיךְ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט!

אוּן אַ זַייטִיגֶע פַארְדִינְסְט: אִיךְ אַלֵיין הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן מַיינֶע אֵייגֶענֶע רֵייד, תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן זֶען צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אַ וַוארֶעמֶע בְּאַחְדוּת'דִיגֶע לוּפְט צְוִוישְׁן דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער, שְׁכֵנִים, חַבֵר'טֶעס אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער!



# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער בעל תפלה האט געזאגט: "איר רעדט נאך פון געלט? פון געלט זאלט איר נישט רעדן!"

## ברסלב'ע חידות

**חז"ל זאגן: יעדע דור וואס דער בית המקדש ווערט נישט אויפגעבויט**

א. איז כאילו עס איז חרוב געווארן אין יענעם דור

ב. דארף מען מער קלאגן אויפן חורבן

ג. מיינט עס אז אידן דארפן תשובה טון

ד. איז כאילו עס איז חרוב געווארן אסאך פריער

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "מיין גאנצע זאך איז ראש השנה!"

## געב א שמייכל

**איינער האט געזאגט פאר זיין דאקטער: "איך לייד אויף דריי מחלות, דער ערשטע איז שכחה, די צווייטע האב איך פארגעסן, און די דריטע געדענק איך שוין נישט..."**

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**נח. עָשִׁיר מְכַחֵשׁ אֵין הַדַּעַת סוֹבְלוֹ, וְגַם הוּא נִבְזֶה בְּעֵינֵי עַצְמוֹ.**

דֶער שֵׂכֶל קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַן עוֹשֶׁר וָואס זָאגְט לִיגְנְט, און עֶר אַלֵיין אִיז פַארְשֶׁעמְט בַּיי זִיךְ.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **איסר שווארץ - קרית ברסלב**

# מענטשערלך

דוָואךְ גֵייעֶן מִיר, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף פָאַרְן צוּ בַּאבִּי אוּן זֵיידִי פַאר שַׁבָּת" - הָאט מַאמִי גֶעמָאלְדְן.

"אִיךְ קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיידִי אַבִּיסְל" - הָאט אַבְרָמִי גֶעזָאגְט.

"אוּן אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן פַאר בַּאבִּי וֶועגְן אוּנְזֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה שְׁפִּיל" - הָאט הֶענְדִי זִיךְ גֶעפְרֵיידְט.

שַׁבָּת צוּפְרִי בַּיי דִי סְעוּדָה זֶענֶען דִי קִינְדֶער גֶעזֶעצְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ אַרוּם דִי טִישׁ.

"יְיַשֵּׁר כֹּחַ בַּאבִּי פַאר דִי גֶעשְׁמַאקֶע פִישׁ" - הָאט הֶענְדִי זִיךְ בַּאדַאנְקְט.

"אוֹיךְ דִי חַלֶּה הָאט אַזַא שְׁמֶעק אוּן טַעַם, עֶס פִילְט זִיךְ מַמָּשׁ ווִי אַ רֵיחַ פוּן גַן עֵדֶן!" - הָאט אַבְרָמִי גֶעזָאגְט.

"בַּאבִּי, וֶועלְכֶע סְפֶּעצִיֶעלֶע גֶעוְוירְץ (סְפֵּייס) לֵייגְסְטוּ אַרַיין אִין דִי שַׁבֶּת׳דִיגֶע עֶסְן?"

"שַׁבָּת!" - הָאט בַּאבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט

מִיט אַ מִיסְטֶערְיֶעזֶע שְׁמֵייכְל - "זֵיידִי אֶפְשֶׁר קֶענְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי סְפֶּעצִיֶעלֶע "שַׁבָּת" גֶעוְוירְץ?"

זֵיידִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעלַאנְט אוֹיף זַיין בֶּענְקְל אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְט אַ הֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן גְּמָרָא.

**

"קְנַאק! קְנַאק!" דִי קִינְדֶער פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא ר׳ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה זֶענֶען צוּגֶעלָאפְן צוּם פֶענְסְטֶער זֶען וֶוער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען שְׁטֶערְן זֵייעֶר גֶעשְׁמַאקֶע שַׁבֶּת׳דִיגֶע סְעוּדָה.

"טַאטִי, דֶער רוֹימִישֶׁער קֵיסָר אִיז ווִידֶער דָא" הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיסְגֶערוּפְן.



בילדער ח. שטיינבערג



"זִיכֶער קוּמְט עֶר נָאכְאַמָאל מִיט זַיין נַארִישֶׁע קֻשְׁיוֹת" הָאט דֶער קְלֵיינֶער אִינְגְל שְׁטִיל גֶעלַאכְט.

וֶוען ר' יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר הָאט דֶער קֵיסָר אַרַיינְגֶעאָטֶעמְט דִי גֶעשְׁמַאקֶע רֵיחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע שַׁבָּת'דִיגֶע עֶסְן.

"וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דִי עֶסְן פוּן שַׁבָּת הָאט אַזַא גוּטֶע שְׁמֶעק?" הָאט דֶער קֵיסָר גֶעפְרֶעגְט.

"מִיר הָאבְּן אַ סְפֶּעצְיֶעלֶע גֶעוִוירְץ וָואס הֵייסְט "שַׁבָּת" - הָאט ר' יְהוֹשֻׁעַ גֶעעֶנְטְפֶערְט - מִיר לֵייגְן עֶס אַרַיין אִין דִי שַׁבֶּת'דִיגֶע עֶסְן אוּן דָאס גֶעבְּט עֶס דִי סְפֶּעצְיֶעלֶע גוּטֶע שְׁמֶעק".

"הֶמְמְמְמ...." דֶער רוֹימִישֶׁער קֵיסָר הָאט נָאכְאַמָאל אַרַיינְגֶעאָטֶעמְט טִיף "אִיךְ וִויל אַז דִי עֶסְן וָואס מַיין קֶעכֶער שְׁטֶעלְט צוּ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן דִי גוּטֶע שְׁמֶעק. גֶעבּ מִיר שׁוֹין אַהֶער אַבִּיסְל דֶערְפוּן" הָאט דֶער קֵיסָר בַּאפוֹילְן.

ר' יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט "דִי גֶעוִוירְץ הֶעלְפְט נָאר פַאר אֵיינֶער וָואס הִיט שַׁבָּת - נָאר דֶעמָאלְט גֶעבְּט עֶס אַרַיין דִי גוּטֶע רֵיחַ, אָבֶער פַאר אֵיינֶער וָואס הִיט נִישְׁט שַׁבָּת, הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט".

**



"בַּאבִּי דוּ לֵייגְסְט אוֹיךְ אַרַיין דִי "שַׁבָּת" גֶעוִוירְץ?" הָאבְּן דִי קִינְדֶער גֶעפְרֶעגְט.

"אַוַדַאי" - הָאט בַּאבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט - "וֶוען אִיךְ קָאךְ דִי עֶסְן זָאג אִיךְ 'לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ' אֵיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַרַיינְלֵייגְן אַ טַעַם אוּן רֵיחַ גַן עֵדֶן אֵין דִי עֶסְן".

הֶענְדִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ הֶעלְפְן בַּאבִּי אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי טְשׁוּלֶענְט. יֶעדֶע וָואךְ עֶסְט זִי נָאר צְוֵויי בָּאנְדְלֶעךְ לְכָבוֹד שַׁבָּת, אָבֶער דִי וָואךְ וִויל זִי עֶסְן אַ גַאנְצֶע טֶעלֶער פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע טְשׁוּלֶענְט מִיט דִי שַׁבָּת גֶעוִוירְץ.

# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



חוה לאה פערל



פייגי און חי' לאנדא



קליינע מפיצים



פייגי און חי' לאנדא



רבקי פריינד




דבורי לעווינזאן

# געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





בחורי הישיבה ירושלים העלפן בויען א נייע קלאס אין תלמוד תורה





מען ארבעט צו איבערמאכן די פארקינג לאט ביים בית התבשיל אין שטעטל

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, שמעון פורטוגאל, אברהם אייזנער, שמעי וואקס



מ'גייט איבער די פלענער ביים אלטן מקוה אין האשקי שול



ביים צוזענדיגן די נייע פארקינג לאט



לחיים פון החתן אליעזר דייטש ני"ו עב"ג בת מו"ה חיים דוד ראזענבערג הי"ו



וואך נאכט פון חיים יוסף בן מו"ה יואל הכהן לאנדא הי"ו



ברית פון מאיר נ"י בן מו"ה שלמה וויינבערגער הי"ו



ברית פון חיים יוסף בן מו"ה יואל הכהן לאנדא הי"ו



די געטרייע גבאים פונעם בנין אין אומאן ביים איבערגיין די פלענער אויף ראש השנה תשפ"ו הבעל"ט



דער דיין שליט"א אין א שמועס מיט אנשי שלומינו





א בליק אריין אין מחנה אש תוקד





שיעורים אין שטעטל



אין א שמועס מיט די בחורים



אנשי שלומינו לערנען שיעורים כסדרן אינעם ביהמ"ד אין שטעטל



אין א שמועס נאך מלוה מלכה מיט הרב אברהם חיים פארקאש שליט"א



אין א שמועס מיט מו"ה אלי קנאלל הי"ו פון 'נסיעה טרעוועל' איבער די פלענער פונעם טשארטער קיין אומאן


בעזרת השם יתברך
ערשינען!
מיט גרויס פרייד ווילן מיר מעלדן אז עס איז שוין דא צו באקומען דעם הערליכן נייעם ספר **ותחיין את הילדים**
חלק א' אידיש
דער ספר ענטהאלט הערליכע שיעורים וואס דער **ראש ישיבה שליט"א** האט געגעבן פאר די מלמדים און מחנכים פון מוסדות היכל הקודש.
ותחיין את הילדים
חלק א
אידיש
קחו ברכה אל תוך בתיכם
צו באקומען אין אמעריקע: קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב 718-387-2691
צו באקומען אין ארץ ישראל: ביי אלע מפיצים אדער רופט 053-316-5893
*sruliHeskel